№ 49 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַבאָנעמענט-פּרייז פאַר א מיליטער-שטאָט:
אין מאָנאַט 20 גראָשען.

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201

CZESTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 2 grudnia 1932 | ליכט-צינדען 3.15 | פרייטאָג, פ׳ תולדות ג׳׳ כסלו תרצ״ג.

Biuro BUCHALTERYJNE
F. Szpiro, Al. Kościuszki 25

ערלעדיגט:

1) בוך-פיהרונג פאר האנדעל און אינדוסטרי ביי זיך אין ביורא, ווי אויך דורך דעלעגירטע בוכהאלטערן אונטער פערזענליכער קאָנטראָל.
2) פעראַטונגען אין בוך-פיהרונג און שטייער-אנגעלעגענהייטען.
3) אמטליכע האנדעלס-קאָרעספּאָנדענץ.

זעהר מעסיגע פּרייזען.

אינפאָרמאציעס טעגליך פון 10—12 פריה און פון 3—6 נאכמיטאג.

AKUSZERKA

z wieloletnią praktyką, przeprowadziła się i zamieszkuje
ALEJA 31, w oficynie, na prawo, 2-gie piętro.
Przyjmuje zamówienia **porodów.**
PORADY BEZPŁATNE
Zastrzyki po cenach niskich
Z poważaniem **Szajkiewicz-Rozentalowa.**

Dr. med. M. KIJAK
STOMATOLOG
choroby jamy ustnej, zębów i szcząk.
Przeprowadził się
ALEJA WOLNOŚCI № 3/5.

טעלענראם! ראטעוועט אייער געזונט!
אָהן בלוט און אָהן מעסער! היט אייך פאר פערקרייפלונג!
קומט עס זאל נישט זיין צו שפּעט!

ליידענדע אויף פערשידענע נעגרעבליכקייטען און קערפּער-פערקרימונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרוים ווי א מענשען! קאָפּ און ווי א תאסער-קסן און קאָן זיין לעבענס-געפעהרליך אין בראנדיג ווערען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראָכען, בויכברוכען, געבערם-טוטער-ברוכען און הענגע-ברוכען, 2) פערקרימטע פלייצעס (הויקערס,) לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקרימונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע זאקען, פאר פעט-לייביגע ספעציעלע גומענע באנדאזשען, וואס מאגער די פיגור. דער קראנקער ווערט געהאלפען מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען און פראנצויזישע מאסאזשען, פאר פערקרומטע פלייצעס—גארסעטען און אָרטאָפּעדישע אפּאראטען ווי אויך גימנאסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאהרען אויסלעבען אהן אפּעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פּראקטיק און איז געקומען נאך טשענסטאָכאָוו אויף א קורצע צייט און נעמט אָן

א גאנצען טאג אין האָטעל קאַליסקי, פּילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראפאפּאָרט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר בילינע פּרייזען.

Szkoła tańców
baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu powiększonym
ul. Waszyngtona 6. daw. Jasna.

Uczy ostatnie nowości sezonu:
Biguine, Tanganilla, Yo-Yostep, Charlstep
Nev-Tango i zwykłe
w kompletach i pojedyńczo.
Zapisy na kursy I - II - III codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.

פּראקטישע לעקציעס: שבת פון 8 אָוונד
אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אָוונד.
נייעסטע מוזיק • שלאַגערען. איטאליענישע האַרמאָניע.
פאר דאמען הנחות.

Podziękowanie.

Niniejszem składam serdeczne podziękowanie W. P. Dyr. SABINIE RAPPAPORTOWEJ, specjalistce dla przepukliny, która przyjmuje w Częstochowie, w Hotelu Kaliskim, za umiejętne celowe i skuteczne sporządzenie bandażu gumowego według najnowszej metody.

Nosząc z roku 1929 bandaż gumowy, czuje się zupełnie dobrze, nie odczuwając ruptury, za co składam tej wielkiej mistrzyni serdeczne „Bóg zapłać".

URZĘDNIK KASY CHORYCH.

Częstochowa, dn 26.11 1932 r.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך הארציג אויס דער פרוי דיר. סאבינא ראפאפּאָרט, ספעציאליסטין פאר ברוך-ליידענדע, וועלכע נעמט אָן אין טשענסטאָכאָוו, אין האָטעל „קאַליסקי" פאר דעם וויסענשאפטליך-צוועקמעסיג און ווירקזאם לויט דער נייעסטער מעטאָדע געמאכטען גומי-באנדאזש.

טראָגענדיג פון יאהר 1929 אָן א גומי-באנדאזש, פיהל איך זיך זעהר גוט, נישט-פיהלענדיג די רופטור, פאר וואס איך דריק אוים דער גרויסער מייסטערין מיין הערצל. דאנק.

בעאמטער פון דער קראנקען-קאסע.

טשענסטאָכאָוו, דעם 26|10 1932 י.

בעקאַנטמאַכונג.

די פערוואַלטונג פון דער יודישער קהלה אין טשענסטאָכאָוו איז מודיע, אַז אין הסכם מיט׳ן ארט. 13 פון די פאַרשריפטען וועגען יודישע קהלות (דז. אוסט. № 52 פון 5 מאי 1928) זענען די עטאַט-ליסטע און בודזשעט אויפ׳ן יאָהר 1933 צום אדורכזעהן אין דער קהלה-קאנצעלאריע, נייער מאַרק 14 פון 4 ביז׳ן 11 ד. ח. בעת די ביוראָ-שעה׳ן.

אין משך פון אויבענדערמאנטען טערמין דיענט די צאָהלער דאס רעכט אריינצוטראָגען אין דער קהלה-פערוואלטונג שריפטליכע רעקלאמאציעס.

רעקלאמאציעס אריינגעגעבענע נאכ׳ן דערמאנטען טערמין וועלען נישט בעטראכט ווערען.

פערוואַלטונג פון דער יודישער קהלה

טשענסטאָכאָוו 2 דעצעמבער 1932. אין טשענסטאָכאָוו.

אלע פריינד, בעקאַנטע און קרובים
צו אונזער אַבפאָהרען נאָך ארץ-ישראל
אונזער הארציגסטען זייט געזונט!
להתראות בארץ-ישראל.
אהרן קאָנגרעצקי און פאמיליע.

צו דער חתונה פון אונזער פריינדין
פרל. **מרים שטערנבערג** מיט ה׳ **אברהם משה פעפער**
אונזער הארציגסטען מזל-טוב. זאל זייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער און צופרידענער.
בערנאַרד קאָרן און זעליג וויגדמאַן.

צו דער התונה פון פרל. **מאניע שטערנבערג** מיט ה׳ **אברהם משה פפעפער** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
משה וואלקאָוויטש, זלמן ווילינגער און ארי׳ שיינערט.

צו דער התונה פון דער פרל. **מאניע שטערנבערג** מיט ה׳ **אברהם משה פפעפער.** א הארציגען מזל-טוב ווינשען איר
זאל זייער לעבענס-וועג מיט בלומען בעצירט זיין.
לעאָן באראקאָווסקי, בעריל לעשטשיק, שמעון פיטאָווסקי און שמואל ניסקי.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **אברהם משה פפעפער** מיט פרל. **מאניא שטערנבערג** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
פאמיליע ווייספעלנער.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **אברהם משה פפעפער** מיט פרר. **מאניא שטערנבערג**, א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
צדוק פיינער און פרוי.

מיין פריינד **אברהם משה פפעפער** צו זיין חתונה מיט פרל. **מאניא שטערנבערג**, מיין הארציגסטען מזל-טוב
שמואל נודעלמאַן.

צו דער דתונה פון אונזער ליעבע שוועסטער **מאַניע** מיט ה׳ **אברהם משה פעפער**
אונזער הערצליכסטען מזל-טוב.
געשוויסטער שטערענבערג.

BUCHALTERJA!

Zjednoczone grono wykwalifikowanych buchalterów przyjmuje
prowadzenie ksiąg handlowych,
sporządza bilanse, inwentarze, doprowadza do porządku księgi zaniedbane oraz wykonuje wszelkie czynności, wchodzące w zakres księgowości.
CENY PRZYSTĘPNE.
Zgłoszenia przyjmują:
Ludwik Wiślicki, Aleja № 31,
Jakób Biegun, Waszyngtona 20.

לאנגיעהריגער ערפאהרענער בוכהאלטער - בילאנסיסט
מאקס פיימאן
פיהרט איין און נעמט אויך אָן צו פיהרען ביכער וועגען האנדעל און אינדוסטרי.
זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.
גענויערע אינפאָרמאציעס ביי ה׳ סאלאָמאָן קאָרנבערג וואשינגטאָנא 22.

זינגערס א ניי-מאשין
פאר א שוסטער עווענטועל פאר א שניידער ביליג צו פערקויפען צוליב אָברייזען.
נארוטאָוויטשא 36, וו. 3.

וואַרנונג!

מיר וואַרנען אלע די אזוי-גערופענע **פריזיערס** און **פריזיערקעס,** וועלכע פיהרען **אונלעגאלע ווערקשטאטען,** אז מיר וועלען נישט זיין פעראנטוואָרטליך פאר די קאָנסעקוועפצען, וואס וועט געגען זיי אנגענומען ווערען לויט׳ן **אינדוסטרי-געזעץ פאראגראף 126,** וואס פערזועהרט די אונלעגעלע ווערקשטאטען.

פערוואלטונג פון פריזיער - צעך
אין טשענסטאכאוו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מחותנת׳טע ווי אויך איהר פאמיליע צום טויט פון זייער פאטער
שמואל ווייגוויל ברענער
אין ראדאמסק.
המקום ינחם אותם בתוך שער אבלי ציון וירושלים.
חיים דזיאלאָ׳סקי און פרוי טשענסטאכאוו.

Serdeczne wyrazy współczucia
państwu MAJZELS
z powodu zgonu Ich córki
b. p. **ESTUSI**
składają:
Kierowniczka i Grono Nauczycielskie Szkoły Koed. Zofji Wajnsztokówny.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר **יעקב הערשליקאָוויטש** צום טויט פון זיין **פאָטער**
נ״ע **שלמה זלמן.**
זייט געטרייסט!
יודל מאיאָרטשיק, יצחק גראנעק, דוד קווינטא, ליפמאן פרייטאָג, יצחק גערשענאָוויטש און דוד גאָלדבערג.

אונזער חבר **יעקב הערשליקאָוויטש** צום טויט פון זיין **פאָטער**
נ״ע **שלמה זלמן**
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פּארטיי-קאָמיטעט פון דער צ. ס. פעראייניגט מיט פועלי-ציון אין טשענסטאכאוו.

וויכטיג פאר סוחרים און פאבריקאנטען!

מיר מאכען בעקאַנט, דאס די **לאנגיעריגע עקספעדיציע** אונטער דער פירמא
„Częstochowska Spółka", Częstochowa
Katedralna 13, dawn. Strażacka 8, telefon 8-84.
נעמט אָן אלעראַרט סחורות צו עקספעדירען מיט לאסט - אויטאָ׳ס אהין און צוריק אויף פאָלגענדע שטעדט:
לאָדז, ווארשע, בענדין, דאָמבראָווא, סאָסנאָוויץ, קאַטאָוויץ און קעניגסהוטע.
די אדרעסען פון אונזערע פיליעס זענען:

Sosnowiec	Będzin	Warszawa	Łódź
B-cia Landau,	A. Zelinger,	M. Buchalter,	„Częst. Spółka"
Targowa 4,	Kościuszki 44,	Nalewki 32,	Zawadzka 5,
tel. 43.	tel. 680.	tel. 117880.	tel. 22005,

נאטיצען.

אין א קנייפע איז געזעסען א גרויפע יוגענדליכע און געטרינקען שארפע משקאות. אין א צווייטער קנייפע איז געזעסען א צווייטע גרופע מיט א גאסען-פרוי וועלכע האבען אויך געטרינקען. שפעטער ווען ביידע גרופעס האבען זיך שוין געהאט אנגעטרינקען און זענען געווען „בגילופין“ זענען זיי ארויס אין גאס, און אויפ'ן טראטואר האבען זיך ביידע אנגעבוסה'טע גרופקעס צוזאמענגעטראפען, און ווי דער שטייגער איז אין אזעלכע פאלען איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס, צוערשט א ווארט, דערנאך א פאטש פון איין צד, און דאן א שארף מעסער פון צווייטען צד, און דער רעזולטאט — א געהרגעטער און פערוואונדעטע.

אזא זאך האט פאסירט אין לעמבערג, און דאס איז נישט קיין זעלטענהייט אין א גרעסערער שטאדט, די טאג-טעגליכע בראניק פון די גרעסערע שטעדט ווייסט פון פיעל אזעלכע פאלען, האט אבער דער שרעקליכער צופאל געוואלט אז איין גרופע זאל זיין קריסטליכע סטודענטען און די צווייטע—עפיס דארט יודישע אויסוואורפען, און גראד האט זיך אזוי געמאכט אז די סטודענטען האבען געטשעפעט מיט יענע, און „יענע“ האבען געענטפערט, גארנישט יודישליך, מיט א מעסער אין דער זייט.

נו, קומט די אנטיסעמיטישע פרעסע און מאכט א געוואלד: יודען האבען ווידער ערמארדעט א קריסטליכען סטודענט, און מען וויל פון דעם שלאגען קאפיטאל, מען נוצט דאס אויס אלס ברען-מאטעריאל צו אנפאלען אויף יודען, מען האט באלד אנגעהויבען האקען שויבען און צו בטפאלען שטילע רוהיגע יודישע דורכגעהער, מיר ווייסען נישט וואס עס איז פארגעקומען אין לעמבערג, אבער ס'איז גענוג אז מען האט געפונען פאר נויטיג צו שליסען די הויך-שולען, און טראץ דעם וואס דאס האט פאסירט שבת אוונד, איז נאך ביז'ן היינטיגען טאג נישט רוהיג.

זיי ווייסען גאנץ גוט, די העצער, אז דאס האט מיט יודען גארנישט צו טהון, אז מיר יודען זענען נישט געוועזן און זענען נישט קיין מעסער-שטעכער, אז בלוט-פערגיסונג איז קיינמאל נישט געווען קיין יודישע מדה, זיי ווייסען אז דער דאזיגער טרויריגער צופאל האט אבסאלוט מיט קיין יודען גארנישט צו טהון, אז דאס איז געווען, ווי געזאגט א געוועהנליכער צוזאמענשטויס צווישען שיכורים, אבער עס נוצט צום עסק, און מען וויל פון דעם שלאגען קאפיטאל, מיינענדיג אזוי ארום זיך נוקם צו זיין אין די פערהאסטע יודען.

זיי ווילען אבער נישט פערשטעהן די יודענהעצערישע סטודענטען און זייערע מיטהעלפער אז פאגראמען און עקסצעסען געגען יודען קענען פארקומען נאר דאן ווען די מאכט איז אויף דער זייט פון די פאגראמשטיקעס אזוי ווי דאס איז געווען אין די צארישע צייטען, אבער ווענינסטענס אז די פאליציי איז „נייטראל“ און גלייכגילטיג, איצט אבער מוזען זיי דאך וויסען האבען מיר אין פוילען א רעגירונג פון שטארקער האנד וועלכע טאלערירט נישט אין לאנד קיין אונרוהען, זי וועט זיך נישט לאזען פראוואצירען, איבערהויפט זענען די מאכט - ארגאנען איבערצייגט אז די יודען זענען דא נישט שולדיג און מיט'ן כלל ישראל האט דאס איבערהויפט נישט צו טהון, וועט זי אין קיין פאל נישט דערלאזען אז געוויסע עלעמענטען זאלען ארויסרופען פאגראמען און בלוט-פערגיסונגען, די יעצטיגע רעגירונג איז די איינציגע פון אלע ביז-יעצטיגע רעגירונגען אין פוילען וועלכע מאכען נישט קיין אונטערשיעד צווישען בירגער און בירגער ווען עס האלט ביים נפש, די פאליציי איז שטרענג דיסציפלינירט און זי ווייסט אז פאר יעדען פרייז מוז די רוה און ארדנונג געהאלטען ווערען, און עס טאר נישט געשטערט ווערען דעם בירגער זיך פריי צו בעוועגען אין גאס.

די רעגירונג ווייסט אויך, אז די דאזיגע אונרוהען וואס מען וויל ארויסרופען זענען אויך און אפשר בעיקר געווענדען געגען איהר, מען וויל אז אין לאנד זאל נישט זיין שטיל, אז די בעוועגונג אין גאס זאל געשטערט ווערען, און די בירגער זאלען זיך שלאגען צווישען זיך, כדי מיט דעם צו קאמפראמיטירען די רעגירונג, און בעווייזען אז זי איז נישט בכח צו האלטען ארדנונג אין לאנד, און דאס אויך איז אין געוויסער הינזיכט א אורזאך דאס די מאסגעבענדע ארגאנען שטעהן אויף דער וואך און דערלאזען נישט אז די אנפאלען זאלען אננעמען אן ערנסטען כאראקטער.

זיי דארפען אומבעדינג געדענקען די וואס ווילען אנפאלען אויף שטילע און רוהיגע יודען און דערמיט ארויסרופען א מהומה און אן'אונארדנונג, זיי מוזען וויסען אז די רעגירונג פון שטארקער האנד וועט מיט דער גאנצער קראפט פון דער מאכט אבהיטען דאס לעבען און פערמעגען פון איהרע יודישע בירגער. אט האבען ביי אונז אין טשענסטאכאו זיך אויך געפרובט יונגע שול-כוליגאנעס ארויסצורופען א מהומה אין גאס, אבער די פאליציי האט זיי געוויזען וואו זייער ריכטיג ארט איז, און די גומענע קישקעס האבען ענערגיש געארבייט.

די מעשה לעמבערג בעדויערען מיר זעהר און זאל אונז גאט אבהיטען פון אזעלכע טרויעריגע געשעהענישען, מיר יודען האבען פון שטענדיג געטאדעלט בלוט פערגיסונג ווייל דאס איז אבסאלוט נישט קיין יודישע מדה און מיר וועלען דאס קיינמאל נישט טאלערירען.

י. פ.

פערזאמלונג אין דער קהלה וועגען „טשענסטאכאווער פנקס“.

זונטאג איז אין קהלה-לאקאל פארגעקומען א זיצונג גערופען דורכ'ן קהלה-פרעזעס ה' יעקב ראזענבערג, וועגען ארויסגעבען א פנקס פאר דער געשיכטע פון יודישען ישוב אין טשענסטאכאו.

ה' ראזענבערג עפענט די זיצונג און ערקלערט, אז לויט דער איניציאטיוו פון דער היגער אבטיילונג פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט האט ער צוזאמענגערופען די היינטיגע זיצונג, וועלכע זאל זיך פערנעמען לויט'ן מוסטער פון אנדערע שטעדט מיט'ן ארויסגעבען א טשענסטאכאווער פנקס.

אינז. ווילטשינסקי רעפערירט וועגען דער וויכטיגקייט פון אזא מאנאגראפיע זיין היסטארישע בעדייטונג און נוצען פאר די צוקונפטיגע דורות.

עס ענטוויקעלט זיך א דיסקוסיע אין וועלכער ס'נעמען אנטייל די ה"ה: דר. וואלבערג, שיפער, פעדערמאן, ל. פאגעל, ש. פראנק, בלומענקראנץ, ל. פלאצקער, דר. שאפער, י. ראזינער א. א.

די פערזאמעלטע זאגען זיך ארויס פאר ארויסגעבען אזא פנקס און זיי ערקלערען זיך אלס דער ארגאניזיר-קאמיטעט. דאן ווערט אויסגעוועהלט א צייטווייליגע קאמיסיע פון פאלגענדע פערזאנען: פרעזעס ראזענבערג, דר. אלעקסאנדער וואלבערג, ד"ר שאפער, ל. פלאצקער, משה אש, אינזש. ווילטשינסקי, ר. פעדערמאן און ל. פאגעל.

די פערזאמעלטע האבען זיך אויך געווענדעט צו דער קהלה-פערוואלטונג זי זאל אין דעם נייעם בודזשעט אויף דעם קומענדען יאהר ארייגשטעלען א געוויסע סומע אויף דעם צוועק.

די ניי-געוועהלטע קאמיסיע איז שוין צוגעטרעטען צו דער ארבייט און האט שוין אבגעהאלטען די ערשטע זיצונג.

ביי שטוהל-פערהאלטונג, אינטערלייב-בלוט-איבערפולונג, נערוועץ-וועהטאג, קרייץ-שמערצען, אטמונגס-נויט, הארץ-קלאפען, מיגרענע, שווינדעל, שאפט א פרייען קאפ און רוהיגען שלאף דאס נאטירליכע ביטער-וואסער
Franciszka Józefa

דאס געזונד און לעבען קען מען דערהאלטען פון דער קינדהייט אן ביז'ן טיפען עלטער, ווען דער טעגליכער געטראנק אין יעדען הויז איז אוואמאלטין די אויסגעצייכענטע נאהרונג, וואס ענטהאלט: אייער, מילך און קאקוי, ענטהאלט אין קאנצענטרירטער פארם אלע נאהרונגס-געגענשטענדען און וויטאמין נויטיג פאר יעדען געזונד. אוואמאלטין מאכט יעדען געטראנק פולווערטיג, לייכט צום פערדייען, ווירקט גוט אויפ'ן נערווען-סיסטעם, שטארקט דעם ארגאניזם, זיכערענדיג איהם געזונד און ענערגיע — דערביי האבען די קינדער, צוליעב זיין אנגענעמען געשמאק, אוואמאלטין מעהר ליעב ווי אלע געטראנקען.

OVOMALTINE

זיכערט דאס געזונד!

פרייז; א פושקע 125 גר., 2,50 זל.
2,50 גר. 4,30 זל., 500 גר. 7,80 זל.

Fabr. chemiczno-farmaceutyczna
Dr. A. WANDER, Sp. Akc.
Kraków.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און דראגעריעס. -פרובען און בראשורען ווערען ארויסגעשיקט בחנם

לעבערטראן עמולסיע
פון דער פירמע סקאט & באוונע
דאס איז א חיטאמין-נעהרמיטעל פאר אונזערע קינדער!
פון היינט א סך ביליגער און צוגענגליך פאר א יעדען.

אין אלע לענדער פון דער וועלט גיט יעדע גוטע מוטער איהרע קינדער די עכטע לעבערטראן Emulsja פון דער פירמע Scott & Bowne איבערהויפט ווען ער איז אזוי ביליג.

	פריהער	יעצט
א קליין פלעשעל ($^1/_2$)	זל. 2.50	נור זל. —.2
א נארמאל פלעשעל	„ 4.50	„ —.3
א גרויס דאפלט פלעשעל	„ 5.50	„ 4.50

די עכטע לעבערטראן Emulsja פון Scott & Bowne קאן מען שוין באקומען צו ערמעסיגטע פרייזען.

אכטונג! היט אייך פאר פעלשונגען — טוט אבטונג אויף אונזער שוצמארקע.

(31 די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג)

דערווייל האט זיך אין פראנקפורט פערשפרייט די ידיעה אז מיט יעקב משה'ס איינציגע טאכטער האט עפיס פאסירט א מיאוס'ע מעשה צוליעב וואס זי איז ענטלאפען פון דערהיים.

פערשידענארטיג איז די דאזיגע געשעהניש איבערגעגעבען געווארען, יעקב משה מיט זיין פרוי שפרה האבען זיך צו אלע צרות נאך געשעהמט זיך צו ווייזען אין גאס, און צו טרעפען מיט בעקאנטע און פריינד, בעזונדער האט יעקב משה מורא געהאט אז די מעשה וועט אנקומען צום רב און ממילא צום חתן און וואס וועט דאמאלס זיין? ווען זאגאר חנה'לע וועט אהיים קומען וועט שוין אויס דעם שידוך גאר נישט ווערען, און וואו וועט ער זיך אהינטהון פאר גרויס חרפה?

און פאקטיש האט טאקי שוין געהאלטען דערביי אז דער רב זאל זיך פון דער מעשה דערוויסען, ווייל די ישיבה - בחורים האבען שוין דערפון געוואוסט, און אזוי ווי זיי האבען שטענדיג מקנא געווען דעם „האמבורגער“ פאר דעם רייכען און גוטען שידוך וואס ער האט געטהון, האבען זיי זיך איצט געפרעהט וואס פון דעם שידוך וועט נישט ווערען, און זיי האבען זיך געוואלט מיט איהם רייצען, און זעהען, אז די זאך זאל אנקומען צום רב.

אבער דערווייל האט זיך אזוי געמאכט אז יעקב משה אליין האט געמוזט דעם רב דערצעהלען די גאנצע מעשה.

געשעהן איז דאס צוליעב דעם ווייל דער רב זעהענדיג אז ס'איז שוין נאך דער מעסע, האט ער געוואלט אז יעקב משה זאל זיך נעמען צו מאכען די חתונה אזוי ווי זיי האבען געהאט בעשטימט, און דער רב האט בעשלאסען נאך איהם צו שיקען.

ווען דער בית-דין-שמש איז געקומען אין אוונד רופען יעקב משה'ן צום רב, איז ער געזעסען מיט זיין פרוי און ביידע האבען געטראכט וועגען זייער פערשוואונדענער טאכטער פון וועלכער זיי האבען מעהר קיין שום ידיעה נישט געהאט נאך דעם בריעף וואס זי האט זיי אין ערשטען טאג איבערגעלאזט, אין מיטען איז אריינגעקומען די דינסט און געמאלדען אז עפיס א יוד וויל זעהן דעם בעל-הבית.

דער יוד איז ארויינגעקומען, יעקב משה האט אין איהם דערקענט דעם רב'ס משמש און ער האט אויפגעצייטערט.

א גוטען אוונד ר' יעקב משה—האט דער אריינקומענדער געמיטליך געזאגט —איך בין געקומען אין נאמען פון אונזער גרויסען רב, וועלכער בעט אייך, אז איהר זאלט אזוי גוט זיין אריבער קומען צו איהם.

שוין איצט? — האט יעקב משה געפרעגט דערשראקען.

דער רב האט געזאגט, אז אויב עס איז שווער היינט צו קומען, קען דאס זיין מארגען—האט דער שמש געענטפערט.

יעקב משה האט פרייער אבגעאטעמט און געזאגט: איך בין טאקי איצט זעהר מיעד, זאגט דעם רב אז ער זאל מיר מוחל זיין, וואס כ'קען היינט נישט קומען, אי"ה מארגען נאכמיטאג וועל איך ביי איהם זיין.

דער שמש איז אוועק און שפרה האט געזאגט צו יעקב משה'ן:

וואס קען דער רב וועלען פון דיר? איז מעגליך אז ער ווייסט שוין פון אונזער אומגליק?

גאנץ מעגליך—האט יעקב משה געענטפערט—אויב גאנץ פראנקפורט קאכט שוין מיט אונזער צרה מן-הסתם ווייסט דער רב אויך שוין וועגען דעם.

ביידע זענען געבליבען זעהר נידערגעשלאגען, יעקב משה האט זיך ערנסט פערטראכט, און דאן האט ער געזאגט:

עס קען מעגליך זיין אז דער רב ווייסט נישט, נאר ער שיקט נאך מיר ווייל ס'איז שוין נאך דער מעסע, און ער וויל אז מיר זאלען מאכען חתונה.

יא, מיר האבען א גוטע חתונה — האט שפרה געזאגט און זיך ווייטער ביטער צווויינט — אבער וואס וועסטו איהם זאגען?

איך זאג דיר דעם אמת, שפרה, אז איך האב אויסער אלעם שוין געטראכט אריבערצוגעהן צום רב און איהם דערצעהלען די גאנצע מעשה. איך האב זיך געוואלט מיט איהם שואל-עצה זיין און בעראטען. ער איז דאך אזא גרויסער צדיק און גאון, און וואו תורה דא איז חכמה, מעגליך וועט ער אונז קענען אויפקלערען דאס שרעקליכע רעטעניש.

דו האסט רעכט — האט שפרה טרויעריג געזאגט — דו מוזט געהן צום רב, און פאר איהם אלעס דערצעהלען. דו מוזט איהם אויך איבערגעבען וועגען די שרעקליכע שטרענגע ווערטער וואס דו האסט חנה'לען געזאגט, אפשר וועט ער זיין אזוי קלוג צו קענען אונז געבען די ריכטיגע עצה.

יא, ס'איז ווירקליך א שאד, וואס איך בין נישט באלד מיטגעגאנגען מיט'ן שמש, צו וואס ערשט ווארטען ביז מארגען?

און אפשר געהסטו טאקי איצט?

יא, דו האסט רעכט. איך וועל יעצט אריבערגעהן צום רב, כ'וועל איהם זאגען, אז כ'האב זיך מישב געווען, דאס עס איז נישט קיין דרך-ארץ, און בין באלד געקומען.

זאל זיין אזוי, געה און זיי מצליח— האט שפרה פרום געענטפערט.

יעקב משה איז אוועק, און שפרה איז געבליבען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

ווען יעקב משה איז אנגעקומען צום רב'ס בית-המדרש האט ער דארט געטראפען דעם שמש, וועלכער האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און געפרעגט:

נו איהר זענט געקומען ר' יעקב משה?

יא כ'האב זיך מישב געווען און איצט געקומען.

זעהר גוט, איך האב נאך דעם רב נישט געזאגט קיין תשובה פון אייך, געה איך שוין אריין און זאג, אז איהר זענט געקומען.

דער שמש איז אריינגעגאנגען צום רב, און יעקב משה איז געבליבען ווארטען אין בית-המדרש מיט א קלאפענדיג הארץ.

דערווייל איז צוגעקומען צו איהם א בחור, וועלכער האט איהם געזאגט: גוטען אוונד, און יעקב איז דערציטערט געווארען זעהענדיג אז דאס איז חנה'לעס חתן.

יעקב משה האט ארויסגעבויגען דעם קאפ, אזוי ווי א בעשולדיגטער, אבער דער חתן האט זיך באלד אוועקגעשארט און גענומען א ספר צום לערנען, דערווייל איז געקומען דער שמש און איהם אריינגערופען צום רב.

(פארטז. קומט)

אינזש. ה. ווילטשינסקי.

אויפ'ן מאַרגינעס פון טשענסטאָכאָווער פּנקס.

אין לעבען פון יחיד ווי פון כלל קומען פאַר טהאַטען און געשעהענישען, וויכטיגע און ווייניגער וויכטיגע. מאַנכע זענען זיכער ווערט פערפיקסירט צו ווערען לזכר עולם, כדאי זיי אָבצוהיטען, אַז זיי זאָלען נישט אָבגעווישט ווערען פון זכרון נאָך חדשים און יאָהרען.

אין אַמאָליגע גוטע צייטען פלעגען זיך פרומע יודען, די מנהיגי - הדור, נוהג זיין אַנצושרייבען פאַר זייערע קינדער און קינדס-קינדער זייערע ערפאַהרונגען אין לעבען, בעיקר אָבער אויפ'ן רעליגיעזען געביעט. אַזוי אַרום האט מען איבערגעלאָזט חיבורים און רייכע צוואות, ווי ס'איז געגאַנגען אין לעבען, ווי מ'האָט זיך נוהג געווען און ווי עס האָבען זיך צו פיהרען די יורשים, כדי צו געהן אין דרך הישר. אַזוי האָט מען געשריבען ספרים און נאָכמעהר האָבען יודען זיי געלייענט. איז קיין וואונדער נישט, אַז מיר האָבען געגאָלטען אלס עם-הספר.

אין די לעצטע צעהנדלינג יאָהרען האט זיך אָבער אַ סך געביטען. דאס אַמאָליגע עם-הספר זענען מיר שוין נישט מעהר. פאַרלעזונגען יודישע קומען כמעט נישט פאַר און אויב יאָ — טאָ ביי שוואַכער פרעקווענץ. פערלאַגען געהן אונטער; לעזע-זאַלען שטעהן פוסט. ווי אַנדערש אָבער איז עס געוועזען נאָך מיט 20 יאָהר צוריק. זאַלען האָבען זיך דאמאלס געבראָכען בעת פאַרלעזונגען פון פולקייט; מיט אינטערעס און שפּאַנונג האָט מען זיך צוגעהערט ביז נאָך האַלבער נאַכט צו די אויספיהרונגען פון פּרעלעגענטען; אויך פון געגנערישע. רעוואָלווערן און קאָסטעטען אין פּאָליטישע דיסקוסיעס זענען געווען אונבעקאַנט. היינט איז אַנדערש געוואָרען. די אינטעליגענץ פון קאָפּ איז אריבער אין די הענד און פיס.

אמת איז, אַז עס איז נישט בלויז אַ יודישע ערשיינונג, נאָר אַן אַלגעמיין מענשליכע. די יאָהרען פון וועלט-מלחמה און איבערקעהרענישען האָבען גורם געווען, אַז די מענשהייט האט פערלוירען יעדען גלויבען אין אידעאַלען, אז ס'איז פערשוואונדען דער צוטרוי צו דער קולטור. אַלץ איז געוואָרען פערקריפּעלט. אנשטאט סאָלידאַרישקייט און הומאַניטעט גילט די רויהע קראַפט און די פויסט. ביים יודישען טעמפּעראַמענט קומט עס אפשר נאָך בולט'ער צום אויסדרוק. ס'איז אַ צייט פון בין-השמשות. מ'טאָר אָבער נישט דערלאָזען, אַז דער דאָזיגער מצב זאָל צו לאַנג דויערען, ווייל מ'וועט איהם נישט קענען מעהר פטור ווערען.

אַזאַ קולטורלאָזער צושטאַנד איז בעזונדערס געפעהרליך ביי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, וואס לעבט אין אוננאָרמאַלע בעדינגונגען. ביי פעלקער, וואס פיהרען אַ נאָרמאַל פּאָליטיש-געזעלשאַפטליך לעבען שאַפט מען קולטור, נישט ווילענדיג אפילו. טיילמאל בעל-כרחך, מחמת מלוכה-פּרעסטיזש. דער כבוד פון דער מלוכה פאָדערט, אַז עס זאָלען זיין וואס מעהר אַנשטאַלטען פון פערשידענע טיפּען; מען האַלט אויס אַקאַדעמיעס און געלעהרטע, מ'אונטערשטיצט קינסטלערישע און וויסענשאַפטליכע אונטערנעהמונגען, מען טיילט סטיפּענדיעס. אויך די יוגענד פון אַ נאָרמאַל פאָלק, אויב זי פערטיפט זיך אין ענינים פון בילדונג און וויסענשאַפט, טהוט זי עס לרוב מחמת קאַריערע, ווייל דאָס וויסען שאַפט איהר אַ וועג צו הויכע פּאָסטענס. יודען אָבער זענען אויסגעשלאָסען פון שטעלעס אין מלוכה'שען און קאָמונאַלען לעבען. געבליבען איז פאַר זיי בלויז דער אָבשניט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, וואו זיי קוועטשען און דריקען זיך, וואו דער שטרייט פאַר'ן קיום איז פערשאַרפט ביז גאַר און אין עקזיסטענץ קאַמף וויל איינער דעם צווייטען אויפפרעסען. מיר גלויבען, אַז עס וועט נישט אַזוי שטענדיג זיין. דערווייל אָבער קומט אויס, אַז פּאַראינטערעסירונגען מיט העכערע אינטעלעקטועלע געביעטען קענען שוין צו אָפט ביי אונז נישט אַננעמען קיין פּראַקטישע פאָרמען, נאָר בלייבען אַבסטראַקט-אידעאַליסטיש. ווי אַמאָל די פרומע יודען האָבען געלערנט לשמה, אַזוי קומט שוין אויך אויס היינט צו טאָג אַ טייל אונזערער שטודיר-יוגענד צו לערנען אָהן אויסזיכט, אַז זי וועט קענען פּראַקטיש אַנווענדען איהר וויסען.

און אפשר טאַקע אָט די טרויעריגע פּערספּעקטיוו איז גורם, אַז אַן אַנדערער טייל יוגענד איבערנעמט זיך צופיעל מיט עולם הזה און וויל שוין גאָרנישט וויסען פון עולם הבא, וואס זי בענעמט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער אַזוי גערופענער „שמענדריק"-אַסימילאַציע.

דאָס געזעלשאַפטליכע געוויסען נעמט זיך בונטעווען געגען אַזאַ מצב; אין די אינטעלעקטועלע יודישע קרייזען איז מען בעשטרעבט צו מאַכען יודען צוריק פאַר אַן עם-הספר. וואָרום דאָס בוך איז דאָך תמיד געוועזען יודענ'ס שטאַרקסטע געוועהר, דאס איבערבלייבעניש נאָך אַ גרויסער פערגאַנגענהייט, יודענ'ס פערמעגען און ווערק-צייג. דאס בוך וועט אויך מוזען ווערען דער פונדאַמענט פון יודענ'ס ווייטערדיגער עקזיסטענץ און ענטוויקלונג. די אָנפיהרענדע ראָלע דאַביי דאַרפען איבערנעמען די קהלות דורך גרינדען ביבליאָטעקען, לעזע-זאַלען, שאַפען פּרעמיעס פאַר וויסענשאַפטליכע און ליטעראַרישע ווערק או"וו.

אויב מען געהט איבער פונ'ם בוך בכלל צו דער פראגע, וועלכעס בוך איז אונז אַממייסטען נויטיג, קומט מען גלייך צום בעשלוס — אַז דאָס היסטאָרישע. אַז מען האָט נישט קיין מעגליכקייט צו פיהרען אַ זעלבסטשטענדיג פּאָליטיש - געזעלשאַפטליך לעבען און די געגענוואַרט איז טרויעריג ביז גאַר, פול מיט מניעות, נגישות און רדיפות, קען מען פיעל טרייסט און פריידען געפונען אין געשיכטע.

אַז עס קומט אָבער צו רייד וועגען געשיכטע ביי יודען, קומט מען צו אַ זאָנדערבאַרער ערשיינונג, ממש אַ קוריאָז, דאָס יודען, פון איין זייט דאָס פערשריבענע עם-הספר און פון דער צווייטער זייט איינס פון די עלטסטע פעלקער אין אייראָפּא, האָבען פערהעלטניסמעסיג אַממייסטען פערוואָרלאָזט דאָס געביעט פון זייער געשיכטע. אונזערע זאַמלערישע נייגונגען זענען די מינימאַלסטע און ממילא פערמאָגען מיר נישט קיין אַרכיוואַלע און מוזעאישע אוצרות. מען האָט ביי אונז נישט געהיטען און מ'האָט נישט עד היום נאָך קיין געשיכטליכע מאַטעריאַלען, ווען אינדערזעלבער צייט ווערט ביי קולטור-פעלקער דער מינדעסטער זכר פון אַמאָל אָבגעהיט ווי אַנ'אויג אין קאָפּ. די פּוילישע מאַגנאַטעריע למשל האָט פון שטענדיג געהאַלטען פאַר איהר'ס אַ פאַמיליען-חוב צו שאַפען אין איהרע אָרדינאַציעס אַרכיוואַלע און מוזעאישע זאַמלונגען. אַ דאַנק דעם פערמאָגט פּוילען היינט-צו-טאָג די רייכע קאָלעקציעס פון די קראַשינסקי'ס, טשאַרטאָריסקי'ס, פּרזעזדעצקי'ס, אָסאָלינסקי'ס א. א. אָדער אַזעלכע מוסטערהאַפטע פונדאַציעס ווי אין קורניק (גרויס-פּוילען). יעדער קלויסטער, יעדע פּאַראַפיע האָט איהרע זאַמלונגען אין אָרדנונג און קען די אייגענע געשיכטע, בעת פון די טויזענדער יודישע קהלות אין פּוילען האָבען איינצעלנע געציילטע קוים — שטיקלעך אַרכיוועו.

די סבות פון אַזאַ טרויעריגער ערשיינונג דאַרף מען זוכען אין דעם נידריגען קולטורעלען מצב פון די יודישע כלי-קודש, ראשי הקהל'ס און פּרנסים, וועלכע האָבען להלוטין נישט געהאַט קיין שום פערשטענדניש פאַר אַזעלכע ענינים און האָבען עס טיילווייז אויך איצט נישט. ווייניג ענטוויקעלטע חושים קענען אָבער ביי אַ געוויסער אַנשטרענגונג אויסגעבעסערט ווערען און אויך דער אַטראָפירטער היסטאָרישער חוש ביי יודען קען אויסגעפיינערט ווערען דורך פערשפּרייטען היסטאָרישע קענטנישען. ועל כלם איז עס אַ חוב פון די יודישע קהלות.

די אַלגעמיינע געשיכטע פון אַ פאָלק בעשטעהט פון טיילען און פראַגמענטען. דעריבער אויך, אויב מ'וויל, אַז די אַלגעמיינע געשיכטע זאָל זיין וואס פולער, מוז מען זאָרגען, אַז פריהער זאָלען אויך איהרע טיילען זיין וואס מעהר און גאַנצער, דאס מיינט די געשיכטען פון די איינצעלנע קהלות. דאס האָט גורם געווען די נויטווענדיגקייט אָנצושרייבען היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס פון די פערשידענע קהלות. אַז אַזעלכע אַרבייטען זאָלען ענטשטעהן איז אָבער נויטיג אַ סימפּאַטישע און וואַרימע בעציהונג צו זיי פון דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט. אַזאַ מאָנאָגראַפיע איז אויך קיין אויפגאַבע פאַר אַ יחיד אָדער פאַר אַ קליינעם קרייז, ווי דאס האָט אַמאָל פּלאַנירט די „טשענסטאָכאָווער צייטונג". אַזאַ ווערק איז אַ גרעסערע אונטערנעמונג און פערלאַנגט די מיטהילף פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, ועל כולם אָבער פון דער אָרטיגער קהלה. דעריבער ענטשטעהען נישט אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס אין קהלות וואס אין זייער שפּיץ שטעהן מענשען, וועלכע בעטראַכטען די קהלה פאַר זייערס אַ פאָלוואַרק. דאָרט אָבער ווי עס איז פערהאַן פערשטענדניש פאַר אַזאַ ווערק, קען מען ממש וואונדער בעווייזען. אלס משל קען דיענען פּרוזשאַני. אַ קליין אָרים שטעדטיל אויף די קרעסען, וועלכעס פערמאָגט איינגאַנצען אַנ'ערך 4000 יודישע נפשות און וואו די אינדוסטריע בעשטעהט פון איין וואַסער-מיהל און איין טאַרטאַק. דאָך איז דאָרט פאַר איאָהרען ערשינען דער „פּנקס פון דער שטאָדט פּרוזשענע", אַ בוך אין גרויסען פאָרמאַט פון 328 זייטען מיט אילוסטראַציעס און בילדער, וועלכעס רופט אַרויס ענטציקונג. וואס וואָלט מען ערשט געקענט אויפטהון אין אַ טשענסטאָכאָוו, וועלכע האָט 7 מאָל אַזאַ גרויסע בעפעלקערונג און איז אַ וויכטיגער אינדוסטריע צענטער.

עס איז בלי ספק ווערט אויפצוווייזען מיט פאַקטען און ציפערן, וואס פאַר אַנ'אַנטייל יודען האָבען אין דער ענטוויקלונג פון אונזער שטאָדט. טשענסטאָכאָוו איז שוין אַ גענוג אַלטע שטאָדט. אַ חוץ אָבער דעם קלויסטער, וועלכער איז בעריהמט זייט אַ האַלבען יאָהרטויזענד אַלס פּילגרימער-אָרט, האָט די שטאָדט זיך געפונען אין אַ וועגעטירענדיגען צושטאַנד. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19 יאָהרהונדערט האָט זיך טשענסטאָכאָוו שטאַרק צובליהט. זייענדיג נאָר אַביסעל בעקאַנט מיט דעם געשיכטליכען מאַטעריאַל פון אונזער שטאָדט, קען מען שוין פאָראויס פערזיכערן, אַז איהר אינדוסטריעלע ענטוויקלונג האָט טשענסטאָכאָוו אַ סך צו פערדאַנקען יודען. יודען זענען געווען די גרינדער פון די מיהלען, טאַרטאַקען, קאַלך - אויוועגס, שטיין-ברעכערייען, צעגעלניעס; יודען האָבען געגרינדעט די יוטע-אינדוסטרי, ווי „וואַרטאַ", „סטראַדאָם", „לעוולען", „קאָיולען" א. א.; יודען זענען געווען די גרינדער פון כעמישע פאַבריקען, ווי ד"ר זאַקס, ד"ר וואָלבערג, „דאַמביע" א. א.; דורך יודען זענען געגרינדעט געוואָרען די פּאַפּירניע, מאַלאַרגיע, קלעיאַרניע, קאַפעלושאַרניע און נאָך און נאָך.

עס איז שוין די העכסטע צייט אָנצוהויבען צו זאַמלען די אַלע מאַטעריאַלען און זיי פערעפענטליכען. ס'דאַרף פאָרגעשטעלט ווערען זייט ווען וואוינען יודען אין טשענסטאָכאָוו, ווי האָט זיך זיי געלעבט זאָ, וואס האָבען זיי אויפגעטהון פאַר זיך און פאַר אַנדערע, וואס האָבען זיי דערגרייכט ביי היינטיגען טאָג.

דאָס אַלעס וועט בעווייזען דער טשענסטאָכאָווער פּנקס.

גרויסע ווירטשאַפטליכע אויפ-לעבונג אין ארץ-ישראל.

די ערשטע זאַך, וואס אינטערעסירט אַ יודען וועגען ארץ-ישראל איז: וויפיל יודען זענען אין לעצטען יאָהר צוגעקומען אין לאַנד? וויפיל יודען האָבען געפונען אַ פּלאַץ צו בעזעצען זיך נאָך דעם ווי אין פּוילען איז ביטער, אין ליטע איז שלעכט און אויך אין אַמעריקאַ איז נישט איבעריג פריילך?

טויזענד אַ מאָנאַט — וועט זיין דער ענטפער, אין יאָהר תרצ"ב — איז די יודישע בעפעלקערונג רייכער געוואָרען מיט 12,000 יודען. דאָס איז נאָך אַלץ ווייניג, עס איז נאָך נישט דאָס, צו וואס מיר שטרעבען, אָבער נישט צו פערזינדיגען, נישקשה פון אַ צאָל ביי היינטיגע צייטען, וואו קיין אימיגראַציע לענדער מיט אָפענע טויערן זענען נישטאָ.

ווען מיר ציהען אונטער די אונטערשטע שורה פון פערגאַנגענעם יאָהר, בעקומט זיך אַ סך-הכל, אַז די יודישע בעפעלקערונג ציילט איצט אין לאַנד העכער 125 טויזענד נפשות. מיר דערנעהנטערן זיך צו 200 טויזענד יודען אין לאַנד.

ס'איז אויך צוגעקומען יודישער באָדען. דער בעזיץ פון יודישען באָדען איז פערגרעסערט געוואָרען מיט 25 טויזענד דונאַם, 6,250 אַקער. אַ העלפט פון דעם נייעם באָדען איז געקויפט געוואָרען דורך דעם „קרן-קימת" און אַ העלפט דורך פּריוואַטע מענשען.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם איז נאָך נישט געווען אַזאַ רייך יאָהר פון גרינדען נייע קאָלאָניעס, ווי דאס יאָהר תרצ"ב. צוואַנציג נייע קאָלאָניעס זענען היי-יאָהר געגרינדעט געוואָרען. דער גרעסטער טייל פון זיי אויף דעם באָדען פון „קרן-קימת", אין די מעהרסטע פאַלען איז מען אַרויף אויף דעם באָדען אין צייטווייליגע וואוינונגען, אין באַראַקען. אין די אַלע נייע פּונקטען איז פערהאַן וואַסער, ברונימער.

צעהן פון די קאָלאָניעס זענען פון מענשען מיט גאַר קליינע מיטלען — אַרבייטער-קאָלאָניעס. די איבעריגע זענען קאָלאָניעס פון רייכערע מענשען, וואו אַרבייטער זענען אַרויף אויף דעם באָדען און האָבען אָנגעהויבען פּלאַנ-

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

איך בין געווען אין אַ ספק, צי איך וועל די וואָך קאָנען צושטעלען מיין געהעריגע פּאָרציע „וואס געהערט וואס געזעהן", מחמת אין גאַס איז טויט שטיל, די קרעמער זעהן נישט קיין גראָשען פדיון, די בעלי - מלאכות האָבען נישט קיין שטאָך-אַרבייט און וואס אימשטיינס געזאָגט בין איך אָהן זיי, אַז דער קוואַל איז טריקען, טאָ פון וואַנען זאָל מען שעפּען?

גאָט פערלאָזט אָבער נישט קיין וואָרעם אונטער דר'ערד און אויך איך, זיין קנעכט בין געלייטזעליגט געוואָרען מיט אַביסעל נייעס, וואס איך פיקס זיי צו מיט דער פעדער און עס ווערט דערפון דאס מאכל: „וואס געהערט וואס געזעהן".

כפר מכבי.

„דאס גאַנצע שאַפען אין גלות וואָלט נישט געהאַט קיין זין, אויב אין ארץ-ישראל וואָלט נישט געבוירען געוואָרען קיין ניי לעבען"—אַזוי טראַכטען אַ סך אויפריכטיגע ציוניסטען.

צי זיי האָבען רעכט אָדער נישט, וויל איך איצט נישט דיסקוטירען ווייל נישט דאס איז יעצט מיין אויפגאַבע, אויב איך האָב אָבער זיך בענוצט מיט דעם געדאַנק איז עס דערפאַר, ווייל די אמת'ע אויפריכטיגע ציוניסטען ווילען דאס בעווייזען מיט טהאַטען.

אין פּוילען עקזיסטירט אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט-קלוב „מכבי", וועלכער איז אַנגעשלאָסען אין וועלט-פערבאַנד מכבי און ד"ר אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד, אַ קראָקאָווער יוד, איז דער וויצע-פאָרזיצער פון דעם וועלט-פערבאַנד „מכבי" און די וואָך האָט דער דאָזיגער יוד מיר איבערגעבען פאָלגענדעס:

זיי, די מכבי'סטען, וועלכע פלעגען די יודישע מוסקולען און ווי זיי זאָגען אויך דעם יודישען גייסט, האָבען בעשלאָסען צו גרינדען אין ארץ-ישראל אַ קאָלאָניע, פערשטענדליך אויפ'ן באָדען פון קרן קימת, וועלכע זאָל הייסען כפר-מכבי און זייער אויפגאַבע איז דאָרט אויסצובילדען אינסטרוקטאָרען, וועלכע זאָלען צושיקט ווערען בכל תפוצות הגולה און זיי זאָלען אויסטורנען אונזערע יונגלעך, וועלכע זאָלען צוזאַמען מיט זייער יודישען גייסט אויך זיין שטאַרק און געזונד.

איי, איז דאָך די קשיא, פאַרוואָס דאַרף מען עפּיס שאַפען דעם כפר המכבי אין ארץ ישראל, עלעהיי זאָל מען דאס מאַכען אין איישישאָק אָדער אין בעלשנאָ. איז דער תירוץ, אַז אַלץ וואס ווערט געשאַפען, כדי צו בערייכערען דאס יודישע אויפלעבען, מוז קומען פון ארץ-ישראל ככתוב, אַזוי ווי עס זאָגט דער פּסוק: כי מציון תצא תורה, און זיי, די מכביסטען זאָגען: כי מציון תצא גבורה.

דער סימפּאַטישער ד"ר ראָזענפעלד איז דאס דאָ טאַקי געווען ביי אונז, כדי אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען זאָלען אויך מיטהעלפען מיט זייערע גראָשענס צו שאַפען דעם צענטער פון יודישער גבורה, דעם כפר מכבי.

טשענסטאָכאָווער פּנקס

אונזער געזעלשאַפטליך לעבען איז אַזוי טויט, אַז מיט קיין 42-ער האַרמאַטען איז עס שווער אויפצוּוועקען.

אמת, עס עקזיסטירען נאָך געזעלשאַפטען, וואס האָבען אויפגעשריבען אויף זייער שילד: קולטורעלע אַרבייט, אָבער דער עיקר פון גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען בזמן הזה, איז צו קולטיווירען די פיס, טאַנצען, דאס איז דער העכסטער דעוויז פון דער יעצטיגער יוגענד, אדרבה, פּרובירט איינצואָרדנען אַ פאַרלעזונג און אַ טאַנץ-אָוונד און איהר זענט זיכער אַז די פאַרלעזונג וועט האָבען אַ דורכפאַל, דאַגעגען אויפ'ן טאַנץ - אָוונד, וועט איהר אריינלאָזען אויף „ספּעציעלע איינלאַדונגען" מורא האָבענדיג פאַר אַנ'עין-הרע...

אַקעגען וואס זאָג איך דאס? אַקעגען דעם, וואס די נאָכמלחמה-צייט האט אָבגעטויט ביי דער יוגענד דעם דראַנג צו גייסטיגע ענינים, צו עפּיס אידעאַלעס, צו דעם, וואס איז העכער פון אונזער טאָג-טעגליכען פּוסטען לעבען.

קומט טאַקי אַ גרויסער יישר-כח די היגע אָבטיילונג פון „ייוואָ" פאַר דער איניציאַטיוו אַרויסצוגעבען אין טשענסטאָכאָוו אַ פּנקס וועגען יודישען ישוב אין טשענסטאָכאָוו.

די וואָך איז אַזאַ זיצונג גערופען געוואָרען דורכ'ן קהלה-פּרעזעס און די אַלע, וועלכע האָבען אַ זין פאַר דער זאַך זענען געקומען און האָבען זיך אָדורכגערעדט און בעשלאָסען צוצוטרעטען צו דער דאָזיגער זעהר וויכטיגער אַרבייט.

איך האָב אונטערגעשטראָכען וויכטיגער דערפאַר, ווייל ערשטענס איז טשענסטאָכאָוו אַנ'אַלטע שטאָדט וועלכע האָט אַ גרויס שטיק געשיכטע הינטער זיך און וועגען דעם יודישען ישוב איז דאָ פערהאַן פיעל מיינונגען, טייל זאָגען, אַז יודען זענען געקומען ערשט אין סוף 18-טען יאָהרהונדערט, אַנדערע זאָגען, אַז אַ סך פריהער, און כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאס פעסטצושטעלען וועט די אַרבייט אין דער מאָנאָגראַפיע דאס בעווייזען.

והשנית, וועט ז'אס אַרויסגעבען דאס בוך האָבען די אויפגאַבע אויפצוטרייסלען די יודישע געזעלשאַפט, ווייל די מאָנאָגראַפיע וועט דאָך אַנשפּאַרען אין אַלע ווינקעלעך פון יודישען לעבען, זי וועט נישטערן, זוכען, פאָרשען און ממילא וועט יעדער זיין פּאַראינטערעסירט, אַז עס זאָל קומען צום אויסדרוק, עס זאָלען פערשריבען ווערען די פּאַסירונגען פון זיין לעבען, פון זיין קרייז, פּאַרטיי און ריכטונג, מיט איין וואָרט, דאס וועט זיין אַ קולטור-אַרבייט.

דריטענס: און דאס איז דער עיקר, וואס אַרויסגעבען דאס בוך וועט נישט קיין פּאַרטיי אָדער ריכטונג, נאָר אין דעם וועט זיך בעטייליגען גאַנץ טשענסטאָכאָוו, אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען, קיין זאַך טאָר נישט פערהוילען ווערען און אַלץ וואס איז געשאַפען געוואָרען אין משך פון הונדערטער יאָהרען זינט יודען זענען אין טשענסטאָכאָוו מוז קומען צום אויסדרוק און ממילא קאָן נישט זיין קיין רייד וועגען פּאַרטיי - רייבונגען אָדער פּאָליטישע חלוקי-דעות. און נאָך אַ מעלה וועט דאס האָבען, וואס אין דער אַרבייט וועלען פערווישט ווערען די פּאַרטיי-מחלוקות, וואס זענען לעצטענס ליידער פאָרגעקומען, וואָרום אין דער אַרבייט, איבערהויפּט, ווען יעדער

צען.

מען דארף בעמערקען, אז די נייע קאלאניעס זענען מעהרסטענס געגרינדעט געווארען אהן שום טאראראם און פייערליכקייטען. ארבייטער האבען נישט קיין צייט און נישט קיין געלד אויף צו פראווענען ימים-טובים. א טייל פון די קאלאניעס האבען נאך אפילו נישט קיין נעמען.

פערשטעהט זיך, אז נישט אלע נייע פונקטען זענען גלייך, פאראהאן פונקטען וואו בלויז א צעהנדלינג מענשען געפונען זיך דערווייל אויפ'ן פלאץ. אבער פאראהאן אויך פלעצער, וואו הונדערטער נפשות זענען מיט איינמאל ארויף אויף דעם באדען, — גרויסע קאלאניעס, וואס פון טאג צו טאג ווערען זיי אלץ מעהר א דארף מיט א רעגעלמעסיגער בעוועגונג צו דער שטאדט, מיט אויטאמאבילען, מיט נייע וועגען.

צווישען די ארבייטער-קאלאניעס זענען פאראהאן פינף „קבוצות", קאמונעס און פינף קאאפעראטיווע ארבייטער-קאלאניעס, „מושבי עובדים". די ארבייטער-ווירטשאפטען זענען געגרינדעט געווארען מיט אייגענע מיטלען, וואס יעדער ארבייטער האט אבגעשפארט פון זיינע שווער-פערהארעוועטע גראשענס. די ארבייטער-באנק האט דא זעהר פיעל געהאלפען.

ס'איז נאך נישט געווען אזא יאהר, וואס די אראנזש - אנפרוכט - פלאנטאציעס זאלען זיך אזוי שטארק פערגרעסערן, ווי היי-יאהר. ווי עס ווייזט זיך ארויס ביים סך-הכל, האט מען היי-יאהר געפלאנצט ארום א 30,000 דונאס, נייע ציטראנען-פלאנטאציעס. מען האט געפלאנצט אין עמק-הירדן און אויך אין גליל — דער גרעסטער טייל אין שרון. די פלאנטאציעס וואס זענען געפלאנצט געווארען אין די יאהרען 1927 און 1928, הויבען אן געבען פרוכט. מען שאצט דאס גערעטעניש פון די יודישע ציטראנען צום קומפטיגען סעזאן פון 2 מיליאן ביז 2 מיט א פערטעל מיליאן קעסטלעך, וואס וועט ברענגען אנ'אלגעמיינעם איינקונפט פון 750 טויזענד פונט.

דער גאנצער באדען פון די יודישע ציטראן - פלאנטאציעס דערגרייכט היי-יאהר העכער פון 90,000 דונאס (22,500 אקער). נאך מיט 7 יאהר צוריק איז דער גאנצער באדען געווען נישט מעהר ווי 12,000 (3,000 אקער). עס האט א רוק געטהון פארווערטס.

דער ארויספיהר פון יודישע פרוכט ליגט כמעט אויסשליסליך אין די הענד פון עקספארט-קאאפעראטיוען.

10,000 יודישע ארבייטער ארבייטען אין די קאלאניעס, דער גרעסטער טייל פון זיי איז בעשעפטיגט ביי די ציטראן-פלאנטאציעס, אבער דער צווייג האלט ערשט ביים פונאנדערבליהען זיך און ער קען נאך אויפנעהמען פיעל טויזענדער נייע יודישע ארבייטער.

דער קאמף פאר יודישע ארבייט דארף נאך געפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער ענערגיע, א גרויסער טייל פון יודישע אונטערנעהמער זוכט וועגען צו בעשעפטיגען — און בעשעפטיגט טאקע — אומארגאניזירטע ביליגע נישט-יודישע ארבייטער.

עס איז צו פערצייכנען א גרויסען פארטשריט אין אלע צווייגען — אין מילך-ווירטשאפט, עופות, אייער, האניג, עפעל, באנאנעס, שעפסען. אין אלע צווייגען איז פערהאן א געוואלדיגער צוזואוקס אייער, מילך, קעז, פוטער, אלץ ווערט געמאכט אין גרעסערע מאסען אין אלע ארבייטער-ווירטשאפטען.

אבער דאס איז נאר איין זייט פון עקאנאמישען לעבען אין ארץ-ישראל, עס איז אויך פערצייכענט געווארען א היבשער פארטשריט אויפ'ן געביעט פון אינדוסטריע און פוי-ארבייט, אבער וועגען דעם ביי א צווייטער געלעגענהייט.

דער יודישער האנדווערקער - און רעגירונגס = ארבייטען.

צוליעב פערשידענע אורזאכען, סיי פאליטישע, סיי עקאנאמישע ווערט דער מיטעלשטאנד די לעצטע צייט בעהאנדעלט מיט מעהר אויפמערקזאמקייט ווי פריהער. ווער ס'פאלגט נאך די פראגע אין איהר גאנצען אומפאנג בעמערקט דאס גאנץ בולט. אויך ביי אונז, ווי עס ווייזט אויס, זענען די רעגירונגס-קרייזען, צוליעב די אויבענדערמאנטע סיבות, געצוואונגען מיטצוגעהן מיט דער שטרעמונג.

אלס קלארער בעווייז, קען דיענען דער געזעץ - פראיעקט וואס זאל רעגולירען די צושטעלונגען און ארבייטען פאר די רעגירונגס, קאמונאלע און פערזיכערונגס - אנשטאלטען, וואס דאס מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטריע האט דעם 22 יולי ד. י. צוגעשיקט דעם ראט פון די האנדווערקער-קאמערען אום ארויסצוזאגען זיין מיינונג.

דאס געזעץ ענטהאלט 3 ארטיקלען. אין ערשטען ארטיקעל ווערט בעהאנדעלט:

די נויטווענדיגקייט פעסטצושטעלען דעם אופן פון ערטיילען בעשטעלונגען אויף ארבייט און צושטעלונגען, ווי אויך דאס אננעמען פון'ם מלוכה-אוצר, קאמונאלע פערוואלטונגען, פערזיכערונגס - אנשטאלטען, רעגירונגס - מאנאפאלען, רעגירונגס - אונטערנעהמונגען און אונטערנעהמונגען, וואס ווערען דורך דער רעגירונג פערוואלטעט מיט'ן אויסנאהם פון יענע מלוכה - אונטערנעהמונגען, וואס זענען דורכ'ן דעקרעט פון מלוכה - פרעזידענט פון 17 מערץ 1927 אויסגעטיילט געווארען אין בעזונדערע האנדעלס-אונטערנעהמונגען מיט אייגענע רעכטליכע פעראנטווארטונג.

ארטיקעל 2: „אלע צושטעלונגען און ארבייטען, וואס עס נעמט ארום דאס ארט. 1 מוזען אויספיהרען אינלענדישע אונטערנעהמונגען, ווי אויך די אונטערנעהמונגען, וועלכע פראספערירען מיט די געהעריגע קאפיטאלען אין לאנד.

„מיט'ן פעהלען פון די אויבענדערמאנטע אונטערנעהמונגען, קענען מיט דער איינשטימונג פון האנדעלס-און אינדוסטריע-מיניסטעריום און צוליעב דעם מלוכה-אינטערעס אויספיהרען די ארבייטען אדער צושטעלונגען אזאלכע אונטערנעהמונגען, וואס ענטשפרעכען נישט די אויבענדערמאנטע פערלאנגען.

„פארשריפטען פון ערטיילען בעשטעלונגען די לעצטע אונטערנעהמונגען גיט ארויס דער מיניסטארען-ראט. צושטעלונגען און ארבייטען מוזען אויסגעפיהרט ווערען פון אינלענדישע מאטעריאלען און ארבייטס-כחות.

„אין אלע האנדווערקער-אויסארבייטונגען, האבען פארשוס צו בעקומען די ארבייטען און צושטעלונגען האנדווערקער און זייערע ארגאניזאציעס אויב די דורך זיי פארגעשטעלטע אפערטעס איבערשטייגען נישט די סומע פון 10 פראצ. פון דער נידריגסטער אפערטע".

אין ארט. 3 רעדט זיך וועלכע מיניסטעריום'ס דארפען זיך פערשטענדיגען אום צו ערטיילען די אלע פאר זיי נויטיגע ארבייטען אדער צושטעלונגען.

ווי מיר זעהען אלזא איז אין דעם געזעץ-פראיעקט פארגעזעהן פאר די האנדווערקער זעהר ברייטע הנחות, סיי מיט זייער פיגאראטעט, סיי מיט'ן פרייז פון 10 פראצ. מעהר ווי אינדוסטריעלע אפערטען.

אמת, דער האנדווערקער קען זיך נישט פערגלייכען מיט'ן אינדוסטריעלער און זיין פראדוקציע-אופן, אבער נישט אין דעם געהט עס מיר איצט.

דאס געזעץ, אויב עס וועט ערשיינען, קאן עס ווירקליך ברענגען צו א גרויסער אויפלעבונג אין האנדווערקערטום אין פוילען פראדוצירט—מיט זעהר קליינע אויסנאהמען—נאר פאר'ן אינערליכען געברויך. און וויפיעל די רעגירונגס-קרייזען בעמיהען זיך נישט וועגען עקספארט פון האנדווערקער - ארטיקלען קען מען נישט אנווייזען אויף קיין גרויסע ערפאלגען. און ווי עס זעהט אויס דער אינערליכער געברויך איז פאר יעדען קלאר. שטעהען טאקי די האנדווערקער - ווערקשטאטען אהן ארבייט, נישט נאר אין דער בוי-בראנזשע, נאר כמעט אין אלע פאכען. און די האנדווערקער - משפחה קלערט ווי אזוי פערבעסערט מען דעם מארגען. גאנץ בעזונדערס, פערשטעהט זיך, פיהלט דאס דער יודישער האנדווערקער, וועלכער איז די לעצטע יאהרען געווען דער „בעסטער" און גרעסטער שטייער-צאהלער.

און עס פרעגט זיך: ווי ווייט וועט דער יודישער האנדווערקער קענען געניסען פון'ם נייעם געזעץ?

ס'איז גענוג זיך צו בעקענען מיט דער ליסטע פון בראנזשעס, וואס עס ברענגט דער זשורנאל „זשעמיאסלא", וועלכע קאנען קומען אין בעטראכט ביי די רעגירונגס-ארבייטען, אום צו זעהן, אז כמעט אלע פאכען מיט וועלכע יודען בעשעפטיגען זיך זענען אויסגערעכענט, ווי צום ביישפיעל: בוי-בראנזשע: בלעכער, גלעזער, לאקערניקעס און מאלער; האלץ - בראנזשע: טישלער, דרעקסלער; טעקסטיל-בראנזשע: היטעלמאכער, קאפעלוש-מאכער, קירזשנער, שניידער, שטריק - מאכער, בערשטען-מאכער, שמוקלער און טאפעצירער; מעטאל-בראנזשע: קאטלער, מעשענגיסער, שלאסער, גראווירער; ערנעהרונגס - בראנזשע: בעקער, צוקערבעקער, ווארשטען-מאכער, קצבים; לעדער-בראנזשע: שטעפער, הענטשקעס-מאכער, שיסטער און איינבינדער, פאטאגראפיסטען אדגל.

איך וויל אויך נישט זאגען, אז מען וועט דאס יודישע האנדווערקערטום בעזייטיגען דערפאר, ווייל זיי זענען יודען, ס'איז אפשר נאאיוו פון מיין זייט, אבער ס'איז מיין פעסטע איבערצייגונג, אז דאס יודישע האנדווערקערטום וואלט זיך ווי געהעריג צוגעגרייט אין זין פון ארגאניזאציע וואלט מען עס פשוט נישט געקאנט בעזייטיגען.

נאר אויב עס הענגט א פראגע-צייכען, צי דער יודישער האנדווערקער וועט געניסען פון די הונדערטער מיליאנען, וואס די רעגירונג און מאגיסטראטען גיבען אפילו היינט אויס יאהר-יעהרליך, איז עס טאקי נאר אויב מיר וועלען אומשטאנד זיין עס ווי געהעריג צו ארגאניזירען.

אמת איז, אז די האנדווערקער-קאמערען וועלען דא שפיעלען א גרויסע ראלע ביי דער ארגאניזירונג פון די ארבייטען און צושטעלונגען, אבער די פראגע פון פערלייכטערן דעם זונטאג-רוהע האט די לעצטע צייט בעוויזען אז נישט אלע מאל זענען די געמיינזאמע אינסטיטוציעס פעהיג צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון זייערע יודישע מיטגלידער, ביים היינטיגען טאג זענען די יודישע ווירטשאפטליכע פערבאנדען אלץ נאכנישט קיין ווירטשאפטליכע, און דא דארף זיין א ברייטע ארגאניזירונג, מען דארף איבערבויען די פראדוקציע פון די האנדווערקער פון אנ'אינדיווידועלע אויף א מאסען-פראדוקציע, מען דארף שאפען פינאנסיעלע מיטלען, פראדוציר-קאאפעראטיוען אז"וו.

עס איז א שווערע פעראנטווארטליכע ארבייט, וואס פאדערט פאך-קענטניס און ווילען. און איך ערלויב מיר אנצוווייזען די ארטיגע האנדווערקער-ארגאניזאציע, אלס איינע פון די אנגעזעהענסטע אין לאנד, אז זי זאל אויפמערקזאם מאכען דעם צענטראל-פערבאנד אויף דער דאזיגער פראגע. ווייל איצט איז נאך דאס געזעץ אין סטאדיום פון פארבערייטונג. ס'איז צו האפען, אז קיין וועזענטליכע ענדערונג וואס אנבעלאנגט די האנדווערקער וועט נישט געמאכט ווערען. דערפאר איז איצט צייט צוצוטרעטען צו א סיסטעמאטישער ארגאניזיר-ארבייט, מיט וועלכער עס דארפען זיך פערנעמען די בעסטע פאך-קרעפטען אויף אלע געביטען, וואס פאדערט אזא ברייט-פערצווייגטע און — פאר דעם יודישען האנדווערקערטום אין פוילען — נייע ארבייט. דאמאלס איז צו האפען, אז אויך דאס יודישע האנדווערקערטום, וואס ערפולט אלע פליכטען לגבי דער מלוכה, וועט אלס עקוויוואלענט בעקומען פון דער מלוכה דאס, וואס זי איז איהם אומשטאנד צו געבען.

דוד קאניעצפאלער

ייווא - בלעטער, חודש - שריפט פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

מיט דעם דאפעל-בוך פון די „ייווא-בלעטער" פאר נאוועמבער-דעצעמבער (ספעציעל אבגעגעבען דעם יודישען ישוב אין צפון-אמעריקא אין צוזאמענהאנג מיט דעם 50-יעהריגען יובל פון דער גרויסער יודישער עמיגראציע נאך די פאגראמען פון 1901-82) פערענדיגט דער חודש-זשורנאל פון דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט זיין צווייטען יאהרגאנג. די 20 ארויסגעגעבענע נומערן פון דעם זשורנאל איז אנ'אמת'ער אוצר פון יודישער וויסענשאפט אויף אלע פארשונגס-געביטען ווי ביבליאגראפיע, עקאנאמיק, סטאטיסטיק, פאלקלאר? געשיכטע, ליטעראטור-געשיכטע, טעאטראלאגיע, שפראכענוויסענשאפט, פעדאגאגיק, פילאזאפיע, פסיכאלאגיע או"וו. שוין די רשימה מיטארבייטער בעווייזט, אז איינער פון די הויפט-צוועקען פון די „ייווא-בלעטער" — צו קאנצענטרירען אין דער דאזיגער אויפגאבע די וויכטיגסטע פערטרעטער פון דעם יודישען וויסענשאפטליכען געדאנק; אויך צו סטימולירען די יונגע פארשער פאר די פראבלעמען פון דער יודישער וויסענשאפט — איז אין א גרויסער מאס געראטען.

אט איז די דאזיגע רשימה: מ. אלטבויער, וואלטער אנדערסאן, י. אנילאוויטש, מגר. מ. אריסטע, לי באביצקי, ד"ר ש. בירנבוים, י. בערנשטיין, פראפ. ב. בורצקוס, ד"ר י. ברוצקוס, א. גאלאמב, ד"ר י. גאלדבערג, ד"ר מ. גאסטער, ד"ר נ. גוטמאן, ש. גוטמאן, ש. גינזבורג, ד"ר י. גליקסמאן, נ. גערגעל, פראפ. ש. דובנאוו, מ. דאבין, י. דוקאר, א. מ. האבערמאן, ז. האניק, אלכסנדר הארקאבי, פראפ. ל. הערש, ד"ר ב. וואכשטיין, מגר. י. ווארשאווסקי, ח. ווייבער, נ. וויניג, י. וויינלעז, ב. וויינריב, ד"ר מ. וויינרייך, ה. ווילטשינסקי, י. טאזער, מגר. י. טרונק, טשעריקאווער, י. יאשונסקי, נ. ש. ידידאוויטש, י. ל. כהן, וו. לאצקי—בער-

מיינט ערנסט די זאך קאן נישט קומען צו קיין מחלוקות.

שוין צוליעב דעם אליין, וואס איך האב אויבען אויסגערעכענט איז כדאי ארויסצוגעבען דאס דאזיגע בוך.

אוודאי איז דאס נאך פערבינדען מיט גרויסע שוועריגקייטען, אבער אז דער גוטער ווילען וועט זיין, וועלען מיר אין קורצען האבען אויפגעטהון א גרויסע זאך פאר אונז און פאר די קינפטיגע דורות מיט'ן ארויסגעבען דעם טשענסטאכאווער פנקס.

זיי לאזט זיך נישט גלויבען.

עס איז אנ'אנגענומענער כלל, אז יודען מוזען זיין די יעניגע, וואס בעקומען געשלאגען, און הרגל נעשה טבע, טאמער קומט עמיצער און דערצעהלט, אז יודען האבען געשלאגען, קוקט מען איהם אן ווי משוגע. יודען שלאגען?

דאס צוויי טויזענד יעהריגע גלות האט פון אונז דאס געמאכט.

מיט'ן אויפלעבען פון די קליינע פעלקער, האט אויך אויפגעלעבט ביים יודישען פאלק איבערהויפט ביי די יוגענד, דער געדאנק איבערצורייסען מיט דער דאזיגער טראדיציע, און הערט און שטוינט, — זיי קלאפען צוריק.

דערצעהלט מיר מיינס א פריינד, אז פאהרענדיג מיט דער באהן פון ווארשא, האבען די סטודענטען אנגעהויבען שלאגען די אנוועזענדע יודען. די יודען אבער, אפילו מיט בערד, האבען געשטעלט א ווידערשטאנד און מיט פלעשער האבען זיי געגעבען צו פערשטעהן די סטודענטישע קעפ, אז זיי וועלען זיך מעהר נישט לאזען שלאגען. דאס האט אזוי איבערראשט די סטודענטען, אז זיי זענען זיך באלד צולאפען ווי די מייז.

יענע וואך מיטוואך, האבען דריי סטודענטען אין דער צווייטער אלעע געשלאגען דורכגעהענדע יודען און זאגאר פרויען. האט זיך איין יודישער יונגערמאן אקעגענגעשטעלט און דעם אמת'ן כליגאן, (דער זעלבער, וועלכער האט צושלאגען דעם ה' ביאלע) צוקלאפט די (איידעל אויסגעדריקט) חזירישע מארדע. יענער איז געבליבען צומישט, ער איז דאס גאהר נישט געוואוינט געווען, אז יודען זאלען זיך אקעגענשטעלען און נאך געבען א קלאפ צוריק.

דאס זעלבע איז געווען מיט די באקסער.

פערגאנגענעם שבת צוועלד, איז פארגעקומען דער ערשטער באקס-מעטש אין דעם סעזאן צווישען אונזערע יונגלעך פון יודישען ספארט-און טורן-פעראיין מיט די אויבערשלעזישע דרוזשינע „סטאדיאן".

מיר איז אויסגעקומען גראד צו זיצען צווישען קריסטליכע געסט. האבען זיי די גאנצע צייט געהאלטען אין איין מינטערען די אויבערשלעזישע שקצים, אז זיי זאלען שלאגען די יודען. ווייל אין זייער מח, האט זיך גאהר נישט געקאנט פארשטעלען דער געדאנק, אז א יוד זאל זיך אקעגענשטעלען, און נאך ארייזקלאפען א שייגעץ.

איז טאקע געווען א גרויס רחמנות צו זעהן זייערע אויסגעקרימטע ציורות ווען א יודיש יונגעל האט צוקלאפט א זייעריגען, און נישט קאנענדיג דאס צוקוקען, האבען זיי געמאכט בעמערקונגען! אז דער יודישער באקסער וועגט מעהר פון זיין געגנער, אז דער יודישער באקסער שלאגט נישט גלייך נאר קרים או"וו.

א פאקט איז אבער, אז מיר האבען איבערגעריסען מיט אונזער אלטער טראדיציאנעלער ירושה פון שרייען, אוי וועה... און זיך בעהאלטען אין די קעלערען. די יודישע יוגענד שטארקט זייערע מוסקולען און לאזען זיך נישט מעהר שלאגען.

געבענשט זאלען זיין די הענד פון די יודישע יוגענד, וועלכע קלאפען צוריק.

זיי, די גוים לאזט זיך דאס גאהר נישט גלויבען.

א פאר ווערטער, וועגען די יודישע אנאנסען אין די פוילישע צייטונגען

זאל מיך קיינער נישט חושד זיין, אז איך דרשן פאר זיך. און ווען אפילו יא, בין איך אויך גערעכט. און אט פארוואס.

ווי איהר ווייסט, איז טשענסטאכאוו פון אלע מאל זעהר אסימילירט און טאמער קאן עמיצער זיך בעריהמען, אז ער קען נישט קיין יודיש, איז ער דערמיט א אינטעליגענט.,.

יודישע צייטונגען ווערען זעהר ווייניג געלעזען, און אויך די אנאנסען ווערען געגעבען אפטער אין די פוילישע צייטונגען.

עס זענען פערהאנען פוילישע צייטונגען, וועלכע האבען אבסאלוט נישט קיין שייכות מיט יודישע ענינים, און אויב זיי פעראינטערעסירען זיך יא, איז עס אין נעגאטיווען זין. דאס שאדט אבער נישט, אז מען זאל די דאזיגע צייטונגען אונטערשטיצען מיט וואס מען קאן נאר.

פערהאנען א סך יודען, וועלכע האלטען פאר זייער „בירגערליכען" חוב פון צייט צו צייט גלאט ארייזצוווארפען אנ'אנאנס צו ער איז יא נויטיג אדער נישט, אבי ער זאל זיין געוויסען בערוהיגען...

ווען עס קאן נאך זיין א פערטיידיגונג ביי געשעפטס-אנאנסען, אז זיי ווילען לייזען פון די פויליש-לעזענדע קליענטען, טא וואס פאר א פערטיידיגונג האבען זיי אבער, ווען עס האנדעלט זיך ביי גראטולאציעס אדער ביי נעקראלאגען.

רבותי, צו האט איהר שוין געזעהען אז קריסטען זאלען געבען זייערע נעקראלאגען אין יודישע צייטונגען. גענוג איז אונז יודישע צייטונגס-מענשען ביטער, אז אונזער גורל איז צו ארבייטען אין יודישע צייטונגען. פון קריסטען ווערען מיר נישט געשטיצט, און די יודען לעזען דאגעגען די פוילישע צייטונגען, און ווען עס קומט צו א נעקראלאג, לויפען די יודען אויך אין די פוילישע צייטונגען,

עס האט מיך שטארק פערדראסען, ווען איך האב זיך יענע וואך געוואנדען צו יודישע אנגעשטעלטע, אז זיי זיי זאלען זייער אויסדריק-מיטגעפיהל פאר זייער שעף געבען אין א יודישער צייטונג, און זיי האבען געפונען פאר פאסיג עס דוקא צו געבען אין א פוילישער.

פרעגט זיך, צו האבען מיר עגזיסטענץ בערעכטיגונג, אויב יודען וועלען ווייטער אזוי נישט יודיש האנדלען.

לויתן.

טאָלדי, י. ליפשיץ, לייבוש לעהרער, ד"ר ח. לעוו, שלמה לעווין, כ. לעמ־כען, י. לעשטשינסקי, ד"ר ר. מאהלער, נ. מייזיל, ד"ר י. מייטליס, ש. מייז־ליש, א. ר. מלאכי, א. מענעס, י. מעס־טעל, ש. ניגער, ד"ר מ. סאָלטיס, נ. עפשטיין, ד"ר ק. פארנבערג, א. פרומ־קין, ד"ר פ. פרידמאַן, נ. פרילוצקי, ד"ר י. צינבערג, ד"ר ח. קאוואַרסקי, מגר. פ. קאַן, ל. קאנעל, מ. קאָסאָווער, י. קאַץ, ז. קלמנאָוויטש, ד"ר א. א. ראבאק, ד"ר י. ראָזענבערג, ל. ראָ־זענשטיין, ד"ר צ. רודי, ד"ר ע. רינ געלבלום, ז. רייזען, ד"ר צ. שאבאד, ד"ר י. שאצקי, א. שולמאן, מ. שטאַרק־מאַן, ד"ר י. שיפּער, ב. שלאסבערג, פּראָפ. פ. שמיט, מ. ב. שניידער, פּראָפ. ל. שפּיצער.

די רעדאַקציע האט זיך אין משך פון די 2 יאָהר געפלייסט לויט איהרע מעגליכקייטען אויסצובעסערן דעם זשור־נאל. אַריענטירענדיג זיך מיט די „ייוואָ-בלעטער" נישט אויף אַנ'ענגען קרייז פאַך-מענשען, נאָר אויפ'ן ברייטער'ען עולם, וואס זוכט וויסענשאַפט־ליכע ענטפערס אויף די פּראָבלעמען פון היינט און נעכטען. די בריעף פון לעזער און מיטארבייטער בעשטעטיגען אונז, אַז מיר האבען געהאַט אַ פּעולה סיי ביים אויסקליבען פון די טעמעס, סיי אין אופן ווי דאס מאַטעריאַל ווערט בעאַרבייט. אויף וויפיעל עס וועט זיין מעגליך, וועט די רעדאַקציע געהן פאַראויס מיט'ן פריהערדיגען וועג.

די אַרבייט פון „ייוואָ" ווערט וואס ווייטער שווערער, מחמת דעם, וואס דער קריזיס האלט אין איין וואקסען. און דאס איז נוגע אויך די ייוואָ-בלע־טער, די אָנפיהרענדע אָרגאַנען האָבען אבער בעשלאָסען צו פיהרען דעם זשורנאַל ווייטער מיט אלע כחות. די ייוואָ-בלעטער זענען דער לעבעדיגער פערבינדער פון אלע ייוואָ-פריינד אי־בער ימ'ען, די טריבונע פאר'ן שאפענ־דיגען יודישען וויסענשאַפטליכען גע־דאַנק. די פריינד פון ייוואָ און פון די ייוואָ-בלעטער מוזען טהון זייערס: פער־שטאַרקען די צירקולאַציע פון זשור־נאל.

נעמענדיג אין אַכט דעם שווערען מאַטעריעלען קריזיס, האָבען מיר בע־שלאָסען צו פערקלענערן דעם אַבאָ־נאָמענטס-פּרייז אין דער האָפנונג, אַז אַלע פריינד פון דער יודישער קולטור און וויסענשאַפט וועלען אויך טהון זיי־ער חוב און וועלען דורך אַנ'אַקטיווען אינטערעס פאַר דעם איינציגען ווי־סענשאַפטליכען זשורנאַל אונזערן מאַ־כען מעגליך דעם ייוואָ מיט זיין וויכ־טיגער אַרויסגעבערישער אַרבייט.

דער אבנאַמענטס - פּרייז וועט איצט זיין אין פוילען 18 ג' (פריהער 25 ג'), פאר מיטגלידער פון געז. „פריינד פון ייוואָ" 12 ג' (פריהער 18), פאר אויס־לאַנד 2.80 דאָל. (פריהער 2 דאָל.) דעם אַבאָנאמענטס-פּרייז קאָן מען אריינ־טראָגען אויך אין ראַטעס.

Jiwo-Bleter, Żydowski Instytut Naukowy, Wilno, Wiwulskiego 18
P K O 81396

Każda Piękna Pani
powinna używać zawsze mydła i kremu Herba, tych idealnych i tak skutecznych środków kosmetycznych, a osiągnie z łatwością czystą i młodzieńczą cerę.
MYDŁO i KREM
HERBA

אינטערווענץ פון דער יודישער קהלה וועגען די געשעהענישען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע אַנטי - יודישע עקסצעסען אין אונזער שטאָדט, האט מיטוואָך 11 אַ זייגער פריה אינטערוועניערט וועגען דעם ביי דער היגער מאַכט אַ דעלעגאַציע וועל־כע איז בעשטאַנען פון פּרעזעס פון דער קהלה-פערוואלטונג ה' יעקב ראָ־זענבערג, פּרעזעס פון ראט ה' חיים וועקסלער און די דאזאָרעס ה"ה: ד"ר מערינג און דזיאַלאָוויטש.

די דעלעגאַציע איז אין דער ערש־טער רייהע אַוועק אין סטאַראָסטווע, אַזוי אַבער ווי דער סטאַראָסטע ה' עוסטאַכעוויטש איז געפאָהרען אויף אַ לוסטראַציע אין פּאָוויאַט, זענען די דעלעגאַטען אַוועק אין דער פּאָליציי־קאָמענדע.

אין דער אַבוועזענהייט פון קאָמענ־דאַנט האָט די דעלעגאַטען אויפגענומען זיין פערטרעטער, וועמען די קהלה־פאָרשטעהער האבען גענוי געשילדערט וועגען די לעצטע בלוטיגע אַנפאַלען אויף די היגע יודען און געבעטען אָנ־צונעמען ענערגישע מיטלען, אַז אַזעל־כע אַרויסטרעטונגען זאָלען זיך נישט איבערחזר'ן.

דער פערטרעטער פון פּאָליציי-קאָ־מענדאַנט האט דערויף ערקלערט, אַז די פּאָליציי איז געהעריג צוגעגרייט אונטערצודריקען יעדע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונג און געבעטען די דעלע־גאַציע צו בערוהיגען די היגע יודען

גרויסע פערזאַמלונג פון די היגע רעוויזיאָניסטען.

(קורצער בעריכט).

אין לאָקאַל פון דער היגער רעווי־זיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאָרגע־קומען אַ גרויסע פערזאַמלונג, געוויד־מעט די לעצטע געשעהענישען צווי־שען די יודישע אַרבייטער אין ארץ־ישראל.

אויסער די גרויסע צאָהל חברים זע־נען געקומען אויך פיעל אַנדערע, אי־בערהויפט פון די לינקע ציוניסטישע גרופּירונגען אין אונזער שטאָדט, אַזוי אַז דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט, און צוליעב מאַנגעל אין פּלאַץ האָבען פיעל מענשען געמוזט אַוועקגעהן.

די פערזאַמלונג עפענט דער פּרעזעס פון די רעוויזיאָניסטען ה' אליהו איצ־קאָוויטש, וועלכער האלט די איינליי־טונגס-רעדע און זאָגט צווישען אַנדערן, אַז די רעוויזיאָניסטישע בעוועגונג שטעהט פעסט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון א יודישען רוב אין א"י, צוליעב וואס מען מוז צום בנין הארץ צוציהען דעם רוב מנין און רוב בנין פון יודישען פאָלק ד"ה די יודישע האַנדווערקער און קליינהענדלער און אלע מיטעל־שטאַנד-מענשען. ער קריטיקירט שאַרף די לינקע גרופּירונגען אין ציוניזם און קומט צום אויספיהר, אַז טראָצדעם וואס מיר האבען צו די דאָזיגע ריכ־טונגען געוויסע סימפּאַטיעס, מוזען מיר איבער זיי איבערגעהן צום טאָג-אָרד־נונג ווען זיי קומען אין סתירה מיט'ן ציוניסטישען ענד-ציעל.

דער רעדנער ווייזט אָן, אַז די יודי־שע קאָלאָניזאַציע אין א"י געהט אין די ריכטונגען פון דעם לינקען ציוניס־טישען לאַגער, און צוליעב דעם איז זי זעהר טייער און קליינליך, מיר וואָלטען ביים היינטיגען טאָג פיעל ווייטער געהאלטען — פיהרט אויס ה' איצקאָוויטש — ווען די אויפבוי-פאָנדען וואָלטען וועניגסטענס אין א גלייכער מאָס געשטיצט דעם מיטעלשטאַנד אַזוי ווי די לינקע, ארץ-ישראל קען געבויט ווערען נאר דאַן ווען די נאַציאָנאַלע אינטערעסען וועלען געשטעלט ווערען העכער ווי די קלאַסען-אינטערעסען.

עס רעדט אויך ה' ראָזענבערג פון וואַרשא, וועלכער ווייזט צופעליג אין טשענסטאָכאָוו, אין דעם זעלבען זין, אָנווייזענדיג, אַז דער רעוויזיאָניסטי־שער שטאַנדפּונקט איז דער לאָגישסטער און ריכטיגסטער אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

אַ זעהר שעהנע און געלונגענע רע־דע האָט געהאַלטען ה' בראַטמאַן וועל־כער האט זיך אָבגעשטעלט בפרטיות אויף דעם קאַמף, וואס ווערט געפיהרט צווישען די אַרבייטער פון הסתדרות געגען די רעוויזיאָניסטישע אַרבייטער אין א"י און די שענדליכע מעטאָדען, וואס ווערען דערביי בענוצט. אלע רע־דעס זענען דורך די פערזאַמעלטע אויפגענומען געוואָרען מיט א שטורם אַפּלאָדיסמענטען.

בכלל איז די פערזאַמלונג געווען א העכסט-געלונגענע און די רעוויזיאָניס־טען האבען צווישען זיך נעשמועסט, אַז דאס איז געווען איינע פון זייערע געלונגענסטע פערזאַמלונגען.

א חבר.

אַ שאַפען-פריהמאָרגען אין ווײַנשטאָק'ס שולע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די שאַפען־טעג, וואס ווערען אַדורכגעפיהרט אין גאַנץ פוילען האָט ווײנשטאָק'ס שולע איינגעאָרדענט אַ פריהמאָרגען אין לאָ־קאַל פון דער „לירא" געווידמעט שאַ־פען. דער פּראָגראַם איז געווען זעהר אַ רייכער און האט שטאַרק אויסגענו־מען ביים צאַהלרייכען עולם.

דעם גרעסטען טייל פּראָגראַם האבען אויסגעפיהרט קינדער פון דער שולע. ספּעציעל אויסגענומען האבען די טאַנץ און געזאַנג - נומערען אויסגעפיהרט דורכ'ן קינדער-כאָר. מיט דער גאַנצער מוזיקאַלישער זייט האָט דיריגירט פּראָפ. זאַקס, דיריגענט פון דער „לירא", וועמען עס קומט אַ ספּעציעלער דאַנק.

וואס הערט זיך?

(פון אַ בריעף צו אַ פריינד).

...דוכט זיך, אַז דו בעקומסט צוגע־שיקט יעדע וואָך אונזער צייטונג און דו לעזט אַלע אַרטיקלען און אויך דעם „וואס געהערט און געזעהן" און אַלץ איז דיר נאָך צו ווייניג. נייעס און נייעס! טאָ וואס נאָך זאָל איך דיר שרייבען? אמת, מיט דער טענה, אַז נישט אַלץ מעג מען שרייבען אין דער צייטונג, ביזטו גע-עפּט, אַבער דו, מיין ליעבער פריינד, ביזט דאָך אַ גוטער לעזער און לייענסט צווישען די שו־רות און זעהסט אפילו דאס וואס מען טאָר בולט נישט אַרויסשרייבען און דאָך פאָדערסטו פון מיר, אַז איך זאָל דיר נאָך שרייבען, טהו איך דיר צו־ליעב און וועל דיר אַזוי האַלב ברמיזא און דאס איבעריגע וועסטו זיך אַליין אָנשטויסען...

אונזערע צוקונפטיגע „גייסטיגע פיה־רער" האָבען זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין, צושפּאָלטען יודי־שע קעפּ, צושטאָכען די זייטען, און ביי דער געלעגענהייט אויך אויסגע־האַקט אַ שפּאָר ביסעל יודישע שוי־בען.

שטעל דיר פאָר, ווי ווייט דאס האָט געמאַכט אַ רושם, אַז אַפילו די „אָס־טאַטניע וויאַדאַמאָשטשי" האָט אויך שוין געשריבען וועגען די אַנטי-יודי־שע עקסצעסען...

דערביי זענען אַבער אויך פּערהאַן קאָמישע עפּיזאָדען. צווישען די צו־שלאָגענע, און צושטאָכענע יודען, זענען דורך די כוליגאַנעס אויך צושלאָגען געוואָרען עטליכע קריסטלי־כע יונגעלייט, אַזוי למשל איז זיך אַהיימגעגאַנגען דער קריסטליכער טיש־לער - אַרבייטער מיעטעק פּיעקאַרסקי, זענען איהם בעפאַלען אַ חבר'ה שילער און איהם געשלאָגען און ווען זיי האָ־בען זיך דערוואוסט, אַז דאס איז אַ קריסט, איז שוין געווען צו שפּעט, ער איז שוין געווען צובלוטיגט.

אַ שאָד איז נאָר, וואס מען לאָזט נישט די יודישע יוגענד צוריקשלאָגען, אָה, ליעבער פריינד, דו וואָלסט אונ־זער חבר'ה נישט דערקאַנט, מען ענט־לויפט נישט מעהר אין די קעלערן, נאָר מיט נעביילטע פויסטען לויפען זיי אַנטקעגען יעדען כוליגאַן און אָך און וועה איז צו יענעם, וואס פאַלט אַריין אין זייערע הענד, מאַנטאָג איז דאס געוועזען, זיי חברה האט זיך צוהוליעט, איז איינער אַזאַ חברה מאָן אַרומגע־רינגעלט געוואָרען פון יודישע יונגע־לייט און איידער די פּאָליציי האָט איהם צוגענומען, איז ער שוין געווען אין אָרדנונג צוממית'ט.

די דאָזיגע אָנפאַלען האבען אַרויס־גערופען אַ פּראָטעסט-שטורם פון יודען, מען שמועסט זאָגאַר, אַז אונזערע פּאָ־ניענקעס וועלען אַלס פּראָטעסט אָנהויבען רעדען יודיש אין גאַס. ווער עס וויל, זאָל גלויבען, איך—נישט.

אויב ס'וועלען זיך בעווייזען פּראָ־טעסטען אויך פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט, וועל איך דיר וועגען דעם בעזונדער שרייבען, דערווייל וואַרט איך...

יאָ, אַ קליינער פּראָטעסט איז שוין פּערהאַן. עס פּראָטעסטירען די קריסט־ליכע קינאָ-אייגענטימער, ווארום דעם אָוועגד ווען עס קומען פאַר די אָנפאַ־לען זענען די קינאָ'ס ליידיג.

די וואָך איז פאָרגעקומען אַ גרוי־סער שאַפען-פריהמאָרגען איינגעאָרדענט דורך די שילער פון פּרל. ווײנשטאָק.

דו האָסט געדאַרפט זעהן ווי אַזוי יודען זענען אימשטאַנד אָבצושאַצען די פערדינסטען אויפ'ן געביעט פון קול־טור און מוזיק, וואס פּאָליאַקען האָ־בען געשאַפען. דער רעפערעאַט וועגען שאַפען'ס לעבען, וועגען יעדער קליי־ניגקייט, איז געקומען בולט צום אויס־דרוק. דאַן האבען די קינדער דעקלאַ־מירט, געזונגען און געטאַנצט ספּעציעל שאַפען'ס שאַפונגען.

יאָ, מיר יזדען ווערען בעגייסטערט פון אַלעמען און פון אַלץ, נאָר נישט פון אייגענער קולטור. אָט למשל, האט מען דאס לעצטע יאָהר נישט איינגע־אָרדענט קיין איין יאָהרצייט פון אונ־זערע גרויסע דיכטער און אפילו די 5-טע יאָהרצייט פון נאָמבערג'ן, וואס איז אויסגעפאַלען יענע וואָך איז ביי אונז נישט דערמאַנט געוואָרען מיט קיין איין וואָרט.

אויב עס וועט זיך דערמאַנען ווען עס איז אַ שולע אָדער אַ קולטורעלע אָרגאַניזאַציע אײַנצואָרדנען אַזאַ ליטע־ראַרישען פריהמאָרגען פון אַ יודישען קינסטלער און וועגען זיי רעדען כאָטש 10 פּראָצ. וואס מען האָט גערעדט וועגען שאַפּינ'ען, וועל איך דיר בעזונ־דער שרייבען...

ביי די מלמדים טהוט זיך חושך, אונזערע אַלטע דרדקי - מלמדים זענען געוואָרען מאָדערנע, אָט דערצעהלט מען למשל, אַז איין מלמד, וואס לערנט מיט דרדקי-קינדער איז א גלות און טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַ מעלאַניק און זיין ווייב, די טאָכטער פון אַנ'אַלטען מלמד, האָט זיך זאָגאַר געוואָנדען צו דער פּאָליציי און זיי אויפגעגעבען די אַדרעסען פון אַ רייהע מלמדים, וועל־כע זאָלען כלומר'שט נישט זיין אין אָרדנונג.

דו פערשטעהסט דאָך, אַז אַ מלמד ווען אפילו ער איז אין אָרדנונג, אַז ער זעהט אַ פּאָליציאַנט, פערלירט ער „סטייט-העלצעל". און דאס איז זי טאַ־קי אויסען...

די דאָזיגע אשת-חיל האָט, ווי עס ווייזט אויס אַ שוואַכקייט צו פּאָליציי, כאָטש ווי אַנדערע זאָגען, וועט זי זיך אין קורצען אויך נעמען צו מלמדות...

פון די דירות וואַרפט מען כסדר אַרויס און היות ווי לויט'ן לעצטען דעקרעט, מעגען די סעקוועסטראַטאָרען אויך מאַכען זייערע דעביוטען סיי שבת און זונטאָג ווי אויך ביינאַכט, האבען זיך די ווירטסלייט אַראָבגענו־מען אַ מוסר-השכל און וואַרפען אַרויס זייערע לאָקאַטאָרען אויך ביינאַכט און אין שבת.

ס'וואָלט נישט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט, ווען איך זאָל זאָגען אַז מען וואַרפט אויס שבת, נאָר אַז מען האט יענע וואָך אויף דער גאַרנצאַר־סקא גאַס אַרויסגעוואָרפען האַרט פאָר ליכט-צינדען, דאס איז אַ פאַקט.

האָבען זיך צונאַרגענס שבת אונזערע יודעלעך בעת'ן דאַווענען גענומען צום בעל-הבית און איהם געוואָלט דו־רס זיין, מסתמא האבען זיך געפונען אַזעלכע, וואס האָבען פערטיידיגט דעם בעל-הבית, האָט זיך געמאַכט חושך.

צי די בעלי-בתים וועלען שוין אויפ־הערען צו וואַרפען זייערע לאָקאַטאָרען אין גאַס איז נישט בעוואוסט...

אויף דער פּרזעמיסלאָווע גאַס האָ־בען צוויי שכנים נישט געלעבט בשלום. מסתמא צוליעב אַ בוידעם, זענען זיי זיך געוואָרען דם שונאים, אַזוי אַז זיי האָבען איינס דאָס אַנדערע געוואָלט וואָס פריהער פּטור ווערען.

ויהי היום, איז איין שכן מיאוס גע־וואָרען דאָס אַרומקריגען זיך און האָט זיך איבערגעצויגען אין אַנ'אַנדערע דירה.

צומאָרגענס האָבען די שכנים פון דער גאַס בעמערקט ווי אויף אַ באַלקאָן, וואס געהט אין גאַס אַריין ברענען ליכט, איז דאָך דאָס געווען א וואונדער, האָבען זיי געוואויר געוואָ־רען, אַז דאָס האָט די שכנטע מנדר געווען, אַז אויב יענע שכנים וועלען זיך אַרויסציהען וועט זי אָנצינדען ליכט. האָט זי טאַקע איהר נדר מקיים געווען.

ווי דו זעהסט, איז נאָך פערהאַן ביי אונז פרויען, וואָס פיהלען נישט די גרויזאַמקייט פון דער יעצטיגער צייט און שפּילען זיך נאָך מיט אַזעלכע חלשות'דיגע נאַרישקייטען.

— וואס דו פרעגסט אָן צו די שניי־דער האָבען געהאַט אַ גוטען סעזאָן? קאָן איך דיר ענטפערען, אַז זיי האָבען אַ גאַנץ יאָהר סעזאָן, נאָר עס ווענדט זיך לויט'ן וועטער. זומער למשל, האַנד־לען זיי מיט פליגען-פּאַפּיר, און ווינ־טער טראָגען זיי אַרום פּיקלינג'ס אין די הייזער.

מען שמועסט, אַז זיי מאַכען דערפון אַ לעבען...

ווען זיי וועלען זיך צוריקנעמען צו זייער אַלט פאַך, ווייסט איין גאָט.

קיין יודיש טעאַטער איז אַלץ נאָך ביי אונז נישטאָ. דאָס הייסט נישט, אַז עס זענען נישטאָ קיין בעלנים, ווארים אַ יוד וועט פערזעצען אַ קישען און לויפען זעהען אַ יודישע פאָרשטע־לונג. איבערהויפּט האָבען שטאַרק חשק צו קומען אויף עטליכע פאָרשטעלונגען די בעוואוסטע טרופּע, אונזערע ליבּ־לינגען, די קדיש כאַש טרופּע, נאָר עס איז נישטאָ וואו צו שפּילען. דאָס איינציגע שטאָדט - טעאַטער, וועלכעס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויף פאַר יודיש געלד טהאָר קיין יודישע טרופּע נישט שפּילען.

עס העלפען נישט די אינטערווענ־צען פון איינפלוסרייכע פערזאָנען, אפי־לו די אינטערווענץ פון ד"ר באַטאָוויע. אין די נאָנטסטע עטליכע יאָהר, ווי עס שיינט, וועלען מיר קיין יודיש טע־אַטער נישט האָבען.

אין דעם קאַרג ביסעל געזעלשאַפ־טען, וואָס מיר פערמאָגען ווערט נאָך אַלץ קיין יודיש וואָרט נישט דערמאָנט. די פּראָטאָקאָלען, בעקאַנטמאַכונגען, אין אפילו די זיצונגען ווערען געפיהרט נישט אין יודיש.

אויב ס'וועט אויסברעכען א וועלט־מלחמה, קאָן זיין וועט אויך אין די מחות פון אונזער יוגענד קלאָר ווערען דער געדאַנק, אַז עס איז נישט קיין חרפה זיך צו בענוצען אין געזעלשאַפט־ליכען לעבען מיט דער יודישע שפּראָך.

דאַן וואָלט איך דיר נאָך געקאָנט שרייבען קליינינקע נייעסען וועגען דער קהלה. ווי אַזוי די נייע פערוואַל־טונג מיט איהר פּרעזעס אַרבייט, ווי אַזוי עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער נייער בודזשעט, ווי אַזוי די אָפּאָזיציע ווערט אַלץ רוהיגער און רוהיגער, און עס איז צו האָפען, אַז זיי וועלען אַלע אַרבייטען בשלום. דאָס וואָלט געווען א שעהנע מעשה.

איך וואָלט אויך נאָך געקאָנט שריי־בען וועגען דער „לירא" און דעם ניי־געגרינדעטען מענער - כאָר א. נ. פון א. ב. בירנבוים. דאַן נאָך א מעשה פון פּריוואַטען כאַראַקטער, ווי למשל: אַז קינדער האָבען אויף סענאַטאָרסקע גאַס געשלאָגען זייער אייגענעם פאָטער מכת רצח, נאָר היות, ווי מיין בריעף האָט זיך אַזוי אויך שוין לאַנג פערצויגען (ווער ווייסט וואָס דער רעדאַקטאָר וועט וועגען דעם זאָגען?...) וועל איך דיר וועגען דעם אַלעם שרייבען אין א צווייטען בריעף.

זיי געזונט, און זאָלען מיר די זכייה האָבען, אַז דער צווייטער בריעף זאָל זיין מיט מעהר גוטע נייעסען ווי דער איצטיגער בריעף, ווי עס ווינשט דיר דיין פריינד

סמאָל.

אנטי-יודישע עקסצעסן אין טשענסטאכאוו.

מאנטאג אווענד זענען פארגעקומען אין עטליכע פונקטען פון דער שטאדט כוליגאנישע אנפאלען אויף יודישע דורכגעהער, ארגאניזירט דורך די גרינ-בענדעלדיגע „העלדען" פון „אבוויעפאל" אין צוזאמענהאנג מיט די טרויריגע געשעהענישען אין לעמבערג.

– אויף אלעע וואלנאשטשי האבען די „גרינבענדעלדיגע" אונטערגעהעצט די ארויסגעהענדע שילער פון די אווענד-קורסען, וועלכע האבען אנגע-הויבען אנצופאלען אויף די פערבייגע-העגדע יודען. ערשט די פאליציי האט די יונגע כוליגאנעס בערוהיגט און עט-ליכע פון זיי ארעסטירט.

– אויף אגראדאווא, פאר די הייזער נר. 14 און 16 איז א באנדע פון ארום 20 כוליגאנעס בעפאלען דעם 38-יעהרי-גען ישראל פייפער, וועלכען זיי האבען געשלאגען מיט שטעקענס און שטיינער אין קאפ און מיט א מעסער צושניטען דאס פנים. שוין א בעוואוסטלאזען הא-בען זיי איהם נאך געטרעטען מיט די פיס. אויסער דעם זענען אויך צושלאגען געווארען צוויי קריסטליכע יונגע-לייט, וועלכע זיי האבען אנגענומען פאר יודען.

– אין דער אלטע זענען דורך אנ-אנדערע באנדע צושלאגען געווארען: יחזקאל בערקאוויטש (בערעק יאסעלע-וויטש 1) און בינעם אלטמאן (נאד-ושעטשנא 28). אויסער דעם איז צעשלא-גען געווארען לייזער פרידמאן (אל-שטינסקא גאס), וועלכער איז אין א שווערען צושטאנד איבערגעפיהרט גע-ווארען אין שפיטאל.

באלד האבען זיך אויף דער שטאדט בעוויזען פערשטארקטע פאליציי-פאטרו-לען, וועלכע האבען ליקווידירט די עקסצעסן, ארעסטירענדיג די אנפאלער.

דינסטאג אווענד האבען זיך די כו-ליגאנישע אנפאלען איבערגע'חר'ט. נאך 6 א זייגער אווענד האבען זיך בעווי-זען אין דער ערשטער אלעע און אין מארק גרופעס קריסטליכע שילער פון די היגע שולען אין בעגלייטונג פון אנדערע כוליגאנעס, וועלכע זענען בע-פאלען די יודישע דורכגעהער און אויס-געהאקט שויבען אין עטליכע יודישע געוועלבער: „ריי דזיעטשענצי" אלעע 23, „אוניאן" אלעע 14, לאנגנער אלעע 21, לאסטמאן אלעע 5, און אין האפט-קעס קאלעקטור אלעע 1.

עס איז געווארען א שרעקליכע מהומה אין גאס. די סוחרים האבען שנעל פערקלאפט די געשעפטען און די פערבייגעהער זענען אריינגעלאפען אין די טויערען.

אויך האבען זיך די כוליגאנעס אריינ-געריסען אין געשעפט פון ה' לעדער-מאן, אלעע 7 און צושטאכען מיט מע-סערס דעם אנגעשטעלטען קראקויער.

עס איז אויך פערוואונדעט געווארען מיט א מעסער דער אנגעשטעלטער פון ה' איידעלמאן, י. ריכטער.

עס זענען אבער באלד אנגעקומען פאליציי-פאטרולען, וועלכע האבען שטארק פערפאלגט די כוליגאנעס, צו טרייבענדיג זיי און אייניגע ארעסטירט. דאס האט אבער די כוליגאנעס נישט אבגעשראקען; די אנפאלען האבען זיך איבערגע'חזר'ט אין פערשידענע ערטער און די שטימונג איז ביז שפעט אין אווענד געווען א געדריקטע.

מיטוואך א גאנצען טאג האט זיך גאך די יודישע בעפעלקערונג געפונען אונטער'ן שווערען איינדרוק פון די דינסטאג'דיגע בלוטיגע ארויסטריטען געגען יודען.

אין פערלויף פון טאג זענען אין פערשידענע טיילען פון שטאדט פאר-געקומען אנפאלען אויף יודען.

אין די אווענד-שעה'ן האבען די יודישע געוועלב-אייגענטימער פערמאכט די שוי-פענסטער און ביי האלב אראב-געלאזטע זאלוזיעס פון די טהירען בעגעווארט ביז 7, וואו זיי וועלען שוין ענדליך קאנען אינגאנצען פערמאכען זייערע געוועלבער.

צו דער מורא'דיגער שטימונג האט אויך שטארק מיטגעווירקט דער עלעק-טריע-שטרייק צוליב וואס עס איז גע-ווען זעהר טונקעל פאר די געוועלבער און עס האט טיילווייז געהערשט חושך. פון צייט צו צייט האבען אין די גאסען פערשידענע קריסטליכע שילער און פינסטערע עלעמענטען פרובירט זיך צו זאמלען אין גרופעס. די פאלי-ציי אבער, וועלכע איז געשטאנען אויף דער וואך האט צונישט געמאכט די פרובען פון די כוליגאנעס.

אזוי זענען באלד נאך 6 א זייגער אנגעקומען אין דער ערשטער אלעע גאנצע באנדעס כוליגאנעס, פון וועלכע עס איז פשוט שווארץ געווארען די גאס. די פאליציי איז אבער באלד אונטערגעקומען און מיט גומי-שטעקענס זיי צוטריבען.

אין נייעם און אלטען מארק איז אין אלגעמיין געווען רוהיג. די געשעפטען זענען אבער אלע געווען געשלאסען.

אין אווענד זענען נאך פארגעקומען איינצעלנע פארפאלען, וואו מען איז בעפאלען יודישע דורכגעהער און אויך אויסגעהאקט שויבען פון יודישע גע-שעפטען.

אזוי איז א זייגער 9 אווענד אויס-געהאקט געווארען צוויי גרויסע שויבען אין דער צוקערניע פון ה' אלטמאן, קאשטשושקי 2, און אויף פילסודסקי גאס איז שווער פערוואונדעט געווארען דער ה' ווילטשינסקי.

קיין מאסען אנפאלען זענען אבער צוליעב דער ענערגישער האנדלונג פון דער פאליציי נישט פארגעקומען.

נעכטען א גאנצען טאג איז די רוה געווען פולשטענדיג צוריקגעשטעלט.

די אינטערווענץ פון דער קהלה ביים סטאראסטע.

דער פרעזעס פון דער קהלה, ה' יעקב ראזענבערג האט נעכטען 4 א זייגער נאכמיטאג אונויפגערופען די פארשטעהער פון דער היגער יודישער פרעסע אויף א קאנפערענץ אויף וועל-כער ער האט איבערגעגעבען פאלגענ-דעס:

מיטוואך האט א דעלעגאציע פון דער קהלה, די ה"ה: י. ראזענבערג, חיים וועקסלער, דר. מערינג און ד. דזיאלא-וויטש זיך געוואנדען אין דער סטאראס-טווע וועגען די אנטי-יודישע עקסצעסן אין אונזער שטאדט. אזוי ווי דער סטאראסטע איז געווען גראד אויף א לוסטראציע-רייזע אין פאוויאט, האט די דעלעגאציע אינטערווענירט וועגען דעם ענין ביים פערטרעטער פון פאליציי-קאמענדאנט.

נעכטען, דאנערשטאג איז די זעלבע דעלעגאציע ווידער אוועק אין סטא-ראסטווע, וואו זי האט זיך צוזאמענגע-טראפען מיט א דעלעגאציע פונ'ם יודי-שען סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין, די ה"ה: שטילער, פויסט און פראפארט.ביידע דעלעגאציעס זענען צוזאמען אויפגענומען געווארען דורך דעם סטא-ראסטע ה' עוסטאכיעוויטש אין אנווע-זענהייט פון וויצע-סטאראסטע.

דער סטאראסטע האט די דעלעגא-טען ערקלערט אז די רוה אין שטאדט איז שוין פולשטענדיג צוריקגעשטעלט געווארען און אז די איינצעלנע מיט-וואכ'דיגע אנפאלען זענען באלד דער-שטיקט געווארען דורך דער פאליציי.

די מאכט שטעהט ווייטער אויף דער וואך און וועט צו-נישט מאכען יעדען פרוב צו שטערען די רוה פון דער יו-דישער בעפעלקערונג. די שולדיגע, וועלכע זענען פערהאלטען געווארען וועלען בעקומען זייער געהעריגע שטראף. די דערגענצונגס-קורסען, פון וועלכע א טייל שילער האבען זיך בעטייליגט אין די לעצטע געשעהענישען זענען צייט-ווייליג פון נעכטען אן געשלאסען גע-ווארען און אז אין דער פוילישער האנדווערקער-שולע וועלען אויך צוליב דיזעלבע סבות נישט פארקומען נאכ-מיטאג קיין לעקציעס. קיין שום שי-לער טאר זיך נישט בעווייזען אין גאס נאך 5 אזייגער אין אווענד.

צום סוף האט דער סטאראסטא גע-בעטען צו בערוהיגען די יודישע בע-פעלקערונג און אויסגעדריקט זיין וואונש, אז די יודישע סוחרים זאלען האלטען אפען ווי נארמאל זייערע גע-שעפטען.

רעוומאטיקער

און נערוועז-לייד ענדע

זאלען אין זייער אייגענעם אינטערעס אויספרווען די טאגאל-טאבלעטקעס. טאגאל שטילט די שמערצען. אונשעדליך פארן הארץ, מאגן און אנדערע ארגאנען. פרוווט אויס און איבערצייגט אייך אליין: פארלאנגט אבער תמיד נור אריגינאלע טאגאל-טאבלעטקעס. צו באקומען אין אלע אפטייקען.

רעגיסטראציע פון די געליטענע יודען בעת די עקסצעסן – אין דער קהלה.

אויף דער נעכט'גער קאנפערענץ אין דער קהלה האט פרעזעס ה' ראזענ-בערג מיטגעטיילט, אז די קהלה טרעט צו צו רעגיסטרירען אלע יודישע איינ-וואוינער, וועלכע האבען געליטען מא-טעריעל אדער פיזיש בשעת די לעצטע אונרוהען.

יעדער געליטענער דארף זיך אלזא תיכף ווענדען וועגען דעם אין סעק-רעטאריאט פון דער קהלה, אין די די אמטליכע שעה'ן.

פון בית"ר.

שבת, דעם 26 ד. ח. איז פארגעקו-מען א נשף פאר דרקא א' געווידמעט די 2-יעהריגע עקזיסטענץ פון דרקא א'. דעם נשף עפענט דער סגן מפקד הקן אח משה זעלצער. ער גיט א קורצען איבערבליק איבער דער ענטשטעהונג פון אלוועלטליכען בית"ר בכלל און טשענסטאכאוו בפרט. דער רעדנער ווייזט אן אויף די נויט און אונטער-זיריקונג פון יודישען פאלק. ער אפע-לירט צו אלע פערזאמעלטע דרקא א'-ניקעס טריי צו זיין דער אידעע פון בית"ר. עס רעדען נאך דער מדריך יוזעפאוויטש, חבר פון בהצה"ר קאפינ-סקי און אח מפקדה א. לנצנר.

די יוגענד ווײלט זיך גוט בערך 3 שעה.

פון היגען סוחרים און פאבריקאנ-טען-פעריין.

די פערוואלטונג פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין אין טשענסטאכאוו מאכט בעקאנט די מיטגלידער, אז זונ-טאג, דעם 4 דעצעמבער, 3 א זייגער נאכמיטאג וועט אינ'ם לאקאל פון פער-איין, אלעע וואלנאשטשי 3-5, פארקומען א רעפעראט פון ה' פעליקס שפירא

אנ'ענטפער דעם ה' אדאלף עפשטיין.

אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" פון דער פאריגער וואך איז ה' אדאלף עפשטיין ארויסגעטרעטען מיט אנ'ערקלערונג, אין וועלכער ער פער-טיידיגט די דעלעגאציע, וואס האט זיך זיינערצייט פארגעשטעלט פאר דעם שטאדט-קאמיסאר. צווישען אנדערעס ערקלערט ער, אז „ס'האט זיך בעוויזען א קאמוניקאט פון א פעראיין, וואס איז מיט אייניגע חדשים צוריק געשא-פען געווארען דורך ה' חיים וויינשטאק". אין צוזאמענהאנג דערמיט ערקלע-רען מיר, אז היות ווי פאר ה' עפשטיין איז די קליינהענדלער בעוועגונג גאנץ פרעמד, דעריבער זאל ער וויסען, אז דער פעראיין איז נישט געשאפען גע-ווארען דורך ה' חיים וויינשטאק, נאר דורך צעהנדליגגער טויזענדער קליינ-הענדלער פון גאנץ פוילען.

עס איז אמת אז ה' חיים וויינשטאק האט מיט 14 יאהר צוריק געשא-פען א קליינהענדלער-פעראיין, ער איז אבער חרוב געווארען דורך קאריע-ריסטען, דורך מענשען, וועלכע האבען דעם פעראיין בעטראכט אלס שקאפע, אויף וועלכער מען קען רייטען און דורך וועלכער מען קען כאפען פערשידע-נע מאנדאטען.

בנוגע ווידער דעם „שקר" פון אונזער קאמוניקאט, ערקלערען מיר, אז צו-מארגענס נאכ'ן בעריהמטען בעזוך אין מאגיסטראט, האט ר' לייבעל פא-געל ערקלערט אין אנוועזענהייט פון עטליכע פערזאן, אז ער האט שוין עטליכע מאל בעטאנט און אז ער וועט נאך ווייטער בעטאנען, אז די קליינ-הענדלער האבען בלויז צוגעזאגט צו אגיטירען פאר'ן איינסעל, אבער פאק-טיש האבען זיי געשטימט פאר № 17. זיין ערקלערונג איז געווען א גאנץ קאטעגארישע.

אויב דאס איז אייך נאך וועניג, וועט אייך אפשר גענינגען צו דער-מאנען, אז דער מיטגליעד פון אייער דעלעגאציע ה' איטשע מאיר קרעל, וועלכער איז אנ'אנגעזעהענער מענש אין אונזער שטאדט און וועלכען מען קען גלויבען, האט בפירוש ערקלערט, אז זיצענדיג מיט דער דעלעגאציע ביים קאמיסאר, און הערענדיג די רייד פון די דעלעגאטען, האט ער גע-מיינט, אז עס ווארפט איהם אראב פון בענקעל... דערזעלבער ה' קרעל האט זיך צומארגענס, נאך דער „אינטערווענץ", אליין געווענדעט צום קאמיסאר מיט אנ'אויפקלערונג, אז די זאך איז נישט אזוי, ווי די דעלעגאציע האט זי פארגעשטעלט.

דעם ענטפער גיבען מיר נישט כדי צו פאלעמיזירען מיט ה' עפשטיין, נאר כדי דעם ענין קלאר צו מאסען פאר דער עפענטליכער מיינונג.

פערוואלטונג פון צענטר. קליינהענדלער-פערבאנד
אבטיילונג אין טשענסטאכאוו, אלעע 8.

אויף דער טעמא: „דער צוואנג צו פיה-רען האנדעלס-ביכער און די פעראיינ-פאכטע בוכהאלטעריע".

עס איז זיכער. אז צוליב דער וויכ-טיגקייט פון דעם דאזיגען אזוי אקטו-עלען ענין וועט דער רעפעראט צוצי-הען א גרויסען עולם צוהערער.

פון קרן תל-חי.

עס איז שוין אנגעקומען דאס מא-טעריאל אויף די לוחות-אקציע.

ביז-יעצט זענען שוין צוטיילט געווא-רען 50 לוחות צו 6 זל. א יאהר און 35 צו 12 זל. א יאהר.

ס'איז צו האפען, אז די אקציע וועט אדורך מיט ערפאלג.

נדבות אין רעדאקציע.

דער קצב משה הלל געלקאפף האט בעלעגט אין שחט - הויז אנ'עקזאמען, האט דער סטארשי פון צעך יצחק טשע-טשירא גענומען 25 זל. אויף פאלגענ-דע צוועקען: 5 זל. פאר'ן יוד. שפי-טאל, 5 זל. בית לחם, 5 זל. מחזיקי הדת, 5 זל. הכנסת אורחים, 5 זל. מושב זקנים.

פון ספארט

באקס-קאמפען.

די ערשטע באקס-קאמפען אין היי-יעהריגען סעזאן, וועלכע זענען פארגע-קומען דעם פוריגען שבת-צו נאכטס, ביי א פול-געפאקטען זאל, צווישען יודישען טורן-און ספארט-פעראיין און „סטאדיאן" פון קעניגסהוטע, האט גע-בראנגט א גרויסען נצחון דעם טורן-פעראיין 3:7.

די פארמעטשען זענען געווען אינטע-רעסאנט און האבען געגעבען פאלגענדע רעזולטאטען: כוואט רעמיזירט מיט גאלדשמיד'ן, שלעזינגער בעזיגט דעם פיעל-לייכטערען אדערבערג, שלימער בעזיגט קיווי'ן דורך א טעכנישען נאק-אוט (אלע זענען פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין).

נאך דער בעגריסונג פון די געסט בלייבען אין רינג פייערשטיין-3 און פאמפוכא. נאך א שארפען קאמף זיגט פייערשטיין קנאפ אויף פונקטען. ווייס בערג רעמיזירט נאך א שעהנעם קאמף מיט'ן צוויי וואגען שווערערען אייכעל. דעם שענסטען קאמף האבען געפיהרט גורעצקי (רעפרעזענטאנט און מייסטער פון אויבערשלעזיען) און זיל-בערבערג; גורעצקי זיגט אויף פונקטען. שיין בעזיגט רעספא'ן אויף פונקטען און כליוונער געווינט הויך אויף פונקטען, נאך אנ'אינטערעסאנטען קאמף ביי וואנטולא'ן.

די קאמפען האבען געוויזען, אז די באקסער פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין געפינען זיך אין א נישט-שלעכטער פארם און עס איז צו האפען, אז היי-יאהר וועלען זיי דערגרייכען גוטע רעזולטאטען.

פינג-פאנג.

ווארטא – בליסקאוויצא 2:3.

ווארטא איז ארויסגעטרעטען מיט א רעזערוו און דעריבער איז דער רעזול-טאט פאר זיי נישט קיין גינסטיגער. מיסקא און אדלער פון ווארטא האבען ארויסגעוויזען א זעהר גוטע פארם.

אסכלה – גוויאזדא 3:4.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

גרויסער דאפעלטער פראגראם.
KOBIETY BEZ PRZYSZŁOŚCI
אין די הויפט-ראלען: דזשאאן קראופארד קלארק געבל
DOBROCZYŃCA LUDZKOŚCI
צווייטער פילם
פרעהליכע קאמעדיע מיט בוסטער קיטאן און אניטא פעידזש.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אווענד.

היינט און ווייטער, דער בעריהמטסטער און מעכטיגסטער וועלט-פילם!
„EXPRESS SZANGHAJU"
אין די הויפט-ראלען: מארלענא דיעטריך, קלייוו ברוק און אננא מאי וואנג.
אויסער'ן פראגראם: פאראמאונטס קלאנג-וואך. 1-טער סעאנס – נור 70 גר.
אכטונג! שבת און זונטאג 12 א זייגער מיטאג צו 49 גר.
Dr JEKYLL i Mr. HYDE.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

היינט און ווייטער! גרויס קונסטווערק!
HOTEL STUDENTóW
מיט ליזעט לאנוועז, קריסטטען קאסאדעסוס און רעימאן גאלל.
שבת ד. 3 דעצעמבער 12.15 א זייגער און זונטאג 12.30; מיטאג - סעאנסען, אלע פלעצער 49 גר.
ZIEMIA NICZYJA.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6